די

# לעבענס געשיכטע

פון

# נטע גנב

מאת

## אמ"ד

ווילנא.

שנת תרמ"ז לפ"ק

ЛЕБЕНСЪ ГЕШИХТЕ
фонъ Ноте гановъ.
Разсказъ А. М. Дика.
1887

צענזור - דערלויבניש : דעם ... 1886
ראמ... דרוקער

# איינע קליינע הקדמה

מיר האבין שוין [צוואר] מעהר אלס איין מאל געשפראכין אין די פאריידען פון אונזערע ערציילונגען דאס דער מענטש איז צוא זאמען געזעצט (מרכב) פון צוויא פערשיידענע טהיילין «גייסט אונ קערפער» אונ דאס ביידע זיינען אזוי וייט מיט איינאנדער פערבונדען דאס איינער ווערט געוויקערט (מתפעל) פון דעם צווייטין, הן לטוב הן לרע סייא צום גוטין סייא צום שלעכטין, צום ביישפיל, ווען דער קערפער ליידעט גרויסע שמערצין ווערט דורך דעם שוין צערשטערט (מבולבל) דער גייסט, אונ אזוי אויך אומגיקערט ווען דער גייסט ליידעט אונ איז בעטריבט אויס מאנכע קימערניס אדער קריינקונג ווערט געשוואכט אונ אפגיצערט דער קערפער אויך אונ ווען איינער פון דיזען צווייערלייא ליידען קערפערליכע אונ גייסטיגע ערדרייכען (גרייכען) דעם העכסטין גראד, דאן ענדעט עס זיך מיט איינעם פריהצייטיגען טויט. — אונ בייא אלעם האבין מיר נאך פיל מעהרעס איבער דיזען געגענשטאנד (ענין) צושפרעכין, איבער הויפט צוא באווייזין דאס דיזע ביידע טהיילען וויא אויך זייא זיינען פון גאנץ פערשיידענע נאטורין דען דער גייסט איז דאך פון איינער הימעלשע בעשאפענהייט (טבע) אונ דער קערפער איז דאך פון איינער אירדישע בעשאפענהייט (טבע), גלייכין זייא זיך אויס אין ארט אונ וייזע פון זייערע געהרונגען *).

ערשטינס מוז מען זייא ביידין געניסין מיט מאס אונ צייט, דען איינע ... יגרמעסיגע לעקטיר (לערנונג) שאדעט דעם גייסט ניט וויניגער אלס איבעריגער ביסין שאדעט דעם קערפערליכען מאגען וויא אונזערע חכמים זאגין אויף דעם פסוק «דבש מצאת אכול דיך פן תשבע והקאתו», ווען דוא האניק בעקומען האסט געניסע דער פון נור אזוי פיל וויא דוא

קענסט

*) דען דער גייסט וויא אויך ער איז נור רוחני מוז ער זיך אויך גינערין, צוואר ניט מיט איינער אירדישין נעהרונג (מגושעמדיגע) נור מיט איינער גייסטיגען נעהרונג, למשל תורה, חכמה, מוסר, ספורים.

קענסט עס פערדייען , זאנסט וועסטו עס מוזין אויסברעכין , זאגין אונזערע חכמים דאס דארונטער איז גימיינט די תורה און די חכמה וואס ווערט געגליכען אין [שיר השירים] צוא האניג דאס מען זאל עס אויך גאנץ מעסיג געניסען , זאנסט וועט עס בלייבין אין דעם גייסטיגען מאגען (מוח) גאנץ אונפערדייעט , און מען וועט עס מוזין ארויס געבין צוא ריק פון זיך.

צווייטינס מוזין דיזע ביידערלייא נעהרונגען זיין פון אזעלכע נאטונגען וואס זאלין קענען גוט בעקומען , און גוט שמעקין דעם קערפערליכען מאגען און אזוי אויך דעם גייסטיגען מאגען (דעם מוח) פון דעם מענטשין וואס געניסט זייא , דען ניט אלע מענטשין האבין איינערלייא פערדייאונג און אויך ניט אלערלייא גישמאק , הן אין קערפערליכע שפייזין און הן אין גייסטיגע שפייזין , דען וויא דער פאל איז אין עסין דאס מאנכער ליבט און פערדייעט קרעפטיגע שפייזין , און מאנכער ליבט און פערדייעט נור לייכטע שפייזין , אזוי איז דער פאל אויך אין דער ליקטירע (לערנען) דאס מאנכער ליבט און קען צו גלייך אויפפאסען (בעגרייפען) שווערע למודיות און מאנכע קען נור משיג זיין און ליבט צוא גלייך גרינגע למודיות.

נון גאט זייא דאנק ווערט שוין פון לאנג אן גיזארגט פאר זייא ביידין (גייסט און קערפער) דאס זייא זאלין ניט פון הונגער שטארבין *) ניט דארבין , ניט שמאכטין , און דאס זייא זאלין אויך זייערע מאגינס ניט פערשליימען (פעראונרייניגען) דען עס ווערט גימאכט פאר זייא שפייזין פון פארשיידענע סארטין וואס מען קען זייא שוין צוא פאסין צוא פארשיידענע מאגינס פון דיזע צווייא ארטין (גייסטיגער און קערפליכער) דען אזוי וויא מען פארפערטיגט לייכטע שפייז ארטין פאר איינעם פערשוואכטין קערפערליכען מאגין , ביסקאט , צוויבאק , אזוי פארפערטיגט

*) ווען דער מענטשליכע גייסט האט ניט איבער וואס צוא דיינקען , צוא לערנען , צוא לעזין , און בעקומט דער פון איינע לאנגווייליע (סקוצנאסט) הייסט עס איין גייסטיגער הונגער און ווען דיזעס איז אין איינעם הויכין גראד קען מען אראפ אין גאנצין פון זינען , און ווען מען פערלירט אין גאנצין די לוסט צוא דיינקען צוא לערנען און צוא לעזין הייסט עס איינע גייסטיגע אפעטיט לאזיקייט ר״ל און מען פערפאלט אין איינער מרה שחורה , און אזוי געפינען מיר זעלבסט אין אונזערע ספרי קודש אין פילע שטעלין דאס דער לערנען ווערט אנגירופין מיט דעם נאמען אכילה „לא רעב ללחם ולא צמא למים כי אם לשמוע דבר ה׳, לכו לחמו בלחמי למה תשקלו כסף בלא לחם״ , ווייל די תורה און די חכמה גינערט דעם גייסט וויא ברויט דעם קערפער.





פארפערטיגט מען אויך זייער לייכטע לעקטירע (למודיות) און לעזעביכער פאר איינען אבגעשוואכטין גייסטיגען מאגין , און אונטער דיזען סארט גייסטעס נעהרונג שפילט די גרעסטע ראלע ערציילונגען און געשיכטען וואס ווארין פערדייעט זייער לייכט פון דעם שוואכסטען בר מוח , אדער אין דער צייט וואס מען איז ניט אויפגילייגט צוא דיינקען איבערזיכטיגעס אדער צו לערנען איינע שווערע זאכע אדער אלס מען וויל זיך נור איין שטוואס צערשטערין (ארויס שלאגין איינע דאגה פון זינען).

דריטענס פערגלייכין זיך די גייסטע נעהרונג מיטלען (לעקטירע) צוא די קערפערליכע נעהרונג מיטלען אויך אין דיזעס , דאס אזוי וויא די לייכטעסטע שפייזין מוזין אין זיך האבין איינע נעהרונגס קראפט און ניט בלויז איינע [הוילע נאסעריי], זאנסט וועט דאך ווערין דער קערפער גאנץ ענטקרעפטעט , - אזוי מוזין אויך אלע לייכטע לעקטירע (למודיות) און ערציילונג וואס זייא שפייזין פאר שוואכע גייסטער האבין אין זיך אויך איינע רעכטע דאזיס (פארציאן) נעהרונג שטאף , דען זאנסט וועט דער גייסט ווערין גאנץ אפגעשוואכט , דאהער גיהערט יעדער געשיכטען שרייבער אריין צו בראכין אין זיינע ערציילונגען איין שטוואס וועלט קענטעניס , מוראל , (מוסר) , עטיק (דרך ארץ) , זיטליכקייט , און אתורה ווערטיל , און ווירצען עס מיט וויץ , און איבער הויפט דארפין זייא זיין קריטיש , דען די קריטיק בעסערט אויס די פעלערין פיל בעסער אלס איינע טרוקענע מוראל , און פון דיזער ארט (קענען מיר אונז ריהמען) זייען אלע אונזערע ביזהעריגע געשיכטען , און אזוי אויך דיזע וואס עס איז אין איר בעשריבען נור איין דיב (אגנב) און טראגט אין זיך ניט ווייניגער נוצין אלס די פרומע געשיכטען אונזערע פון דעם פלעגט אויף שבת , פון יענע לערנען מיר וואס מיר זאלין יוא טאן , און וויא מיר זאלין זיך יוא אויף פירין , און פון דיזע געשיכטע ווערין מיר לערנען וואס מיר זאלין ניט טאן און וויא מיר זאלין אונז ניט אויף פירין , וויא ווייט מיר דארפין אונז היטין מיט אונזערע רייד און מיט אונזערע מעשים פאר אונזערע קינדער , דאס זייא זאלין זיך ניט אראפ נעמען איין שלעכטין בייא שפיל דער פון , און וויא ווייט מיר דארפין אונזערע קינדער היטין , דאס זייא זאלין ניט האבין קיין אומגאנג מיט קינדער פון פראסטע עלטערין , וואס ווייסין פון דער רעליגיאן נור די אויסין זייטע , דאס למשל דער שבת בעשטייט נור אין צאלינט עסין , פסח אין קניידלאך מאכין , פורים אין המנען שלאגין , און אין המן

טאשען

טאשען מאכין, און אזוי אויך זיינען ניט בעסער זייערע בעגריפע זעלבסט פון אלע מדות טובות און מדות רעות. טוען גוטעס, נור זא לאנג אלס אנדערע ווייסין דער פון. און האלטין זיך אפ פון שלעכטעס נור דאן ווען איין צווייטער קען עס מערקין, און אין גרונד ערלויבין זייא זיך אלעס, און זיינען אלזוי מענטשין אן געוויסען. אן איינעם עהרין גיפיל און אן בושה, און וויא צוא זאגין אויך אהנע רעליגיאן, קורץ גיזאגט זיינען בערויבט פון אלע מיטעלין וואס קענען איינען מענטשין בענדיגען (איינהאלטין) פון אלע בייזען, וויא שלמה המלך עליו השלום האט גיזאגט «פן אורש ונגבתי ותפשתי שם אלהי» בין איך ארעם ווערדע איך שוין שטוילין און מיך אן דעם נאמען גאטעס פערגרייפין, און דיזעס איז אלעס צוא זעהען פון דעם העלד *) דיזער ערציילונג, דאס איז דער נאטע גנב וואס ווער אזון פון אזעלכע עלטערין. —

---

*) יעדע פערזאן וואס שפילט דיא הויפט ראלע אין איינע גישיכטע ווערט אנגערופין מיט דיזעם נאמען.

## אמ״ד

The spirit and the body are similarly nourished.

1. need for gradual feedings
2. a weak constitution must be fed easily digestible food, i.e. stories
3. but even the latter must be energy-supplying; in stories, kritik is paramount.

Justifies his use of a negative hero to yield a positive moral

P



convention of miraculous birth

parodies this convention for his "lowly hero"

## א.

### איין עטוואס פון דעם נאטעס גיבורט, פון זיינער קינדהייט, און פון דיא ערשטע קליינע גנבות.

ווען שוין איין מאל דיא מאדע איזט צוא בעשרייבען דיא גרויסע וואונדערצייכען וואס עס איז גישעהען בייא דעם גיבורט פון גרויסע העלדין און פון גרויסע חכמים וואס ווערין אנגינומען אלס ריכטיגע פאר בעדייטונגען אויף זייערע שפעטערע גרעסע (גדלות) אזוי למשל ווערט דער ציילט אין דעם ספר יוסיפון דאס אין דעם טאג וואס עס איז גיבארין גיווארין אלכסנדר מוקדון, ווער איינע גרויסע זאגען פינסטערניס און איין גרויסער רעש (ערד ציטערנעס) עס ווארין גרויסע בליצין און דונערין, און אין דעם בויך פון דער ערד האט דאן געשנורעט און גיבורעט זיא האט געאכצעט און גיקרעכצעט וויא איינע שווערע גיווינערין, און אין דער נאכט וואס עס איז אין איר נאפאליאן דער ערסטער גיבארין גיווארין, האט פרידריך דער ערסטער קיניג פון פרייסין וואס איז דאן גילעגין אויף דעם פעלד שלאכט בייא ברעסלויא אונטערין פרייען הימעל האט ער דאן גיזעהען וויא עס איז ארונטער גיפאלין פון הימעל איין גרויסער העלער שטערין, און וויא נור ער האט בערירט דיא ערד האט ער זיך פערוואנדעלט אין איינעם ליכטיגען מער, וואס האט פארטרונקען דיא וועלט וויא אמאל דיא זינד פלוט (מבול) אין נח׳ס צייטין און איז זיך באלד ווידער פערלאפין, דיזע ווארין דאן אנגינומען אלס טריפטיגע (געוויסע) בעווייזע דאס עס ווערין דאן גיבארין ווערין גרויסע העלדין וואס וועלין ערשיטערין (ערציטערין) דיא וועלט און פערפלייצין מיט זייערע גרויסע חיילות, און האבין דער נאך ריכטיג איין גיטראפין (מקוים גיווארין) און אלס דער גרויסער וועלט פילאזאף פלאטא איינער פון דיא זיבין חכמי יון ווער אלט איינע טעג און איז גילעגין אין וויגעלע האבין זיך הונדערטע בינען צוא זאמען גיזעצט ארום זיין מויל און האבין גימאכט דארט האניג האט מען עס אנגינומען פאר איינע טריפטיגע פאר בעדייטונג (סימן) דאס דיזעס קינד וועט זיין איין זיסער רעדנער (ריידער) וואס וועט שמעקין

אלעמען אזוי צימליך ווי האניג און ער איז עס אזוי ווירקליך געוואָרן, אלזוי איז שוין ניט צו פערדיינקען מיר ווען איך נעהמע מיר דאס רעכט צו בעשרייבן דא אויך די וואונדער און בעווייזע וואס זענען געשעהען אין דער געבורטס נאכט פון אונזערן נטע גנב וואס איז דער געמיינער העלד פון דער געשיכטע, און וואס זיין נאמען ווערט אויסגעשפראכען אין אונזער גרויסע שטאט ווילנא מיט שרעק און מיט אכטונג ווי איין נאמען פון איינער היסטארישע פערזאן, (דאס הייסט אזוי א מענטש וואס זיין נאמען איז בעשריבען אין דער וועלט געשיכטען).

עס זענען געשעהען אין דיזער נאכט פון זיינער געבורט אזעלכע אקצען וואס האבען גינוג געדייטעט אויף די צוקונפט (עתידות) פון דיזעם קינד וואס ער נור איינער וואר געבארען אין ווילנא אין דיזער נאכט אין דעם 10 זעפטעמבער פון דעם יאר 1707) — ערשטענס ווארין יענע נאכט העכסט שטירמיש און פינסטער גאנץ געשאפען צום שטילין און צום רויבען, צווייטענס ווארין אין דיזער נאכט געשעהען גרויסע גנבות, דען עס ווארין מעהר אלס 30 קראמען אויפגעבראכען און אויסגעראמט, עס איז אין דיזער נאכט אנטלאפען אקאזנעצייא מיט הונדערט טויזענד גילדען אין דיזער נאכט זיינען אריין גיגאנבעט געווארין מעהר אלס 100 קויפען פראוואזנע בראנפין, עטליכע בריקעס קאנטערבאנד, עס זיינען אין דיזער נאכט מעהר אלס 1000 היעלעס ארויס גינאנבעט געווארין פון די פריסוטמועס וואס ווארן דאן אפגיגעבען געווארין אין קאזאנע פאלאטע, דריטענס האט מען אין יענע נאכט ארויס גינאנבעט פון אלע פוסקעס, און מעהר אלס צוואנציג יונגע לייט האבען זיך אפגינאנבעט פון זייערע ווייבער און פון זייערע שוועהר און שוויגער, פערטענס האט מען ארויס גינאנבעט עטליכע זורנאלין פון דער ארכיווע, און עטליכע מיידלאך פון די עלטערן — עס גייט איינע זאגע אין אונזער שטאט (מסורת היא בידינו) דאס זיינע מוטער איז געווארין מעוברת מיט אים אויך בגנבה, ווי דער פסוק זאגט „זורו רשעים מרחם“ די רשעים זיינען שוין אין זייער מוטערס לייב פערדארבען, זיא האט אים אויס גיזויגען בגנבה, און ער האט גילערענט אין אחדר בגנבה. זיא איז געווארין מעוברת בגנבה מיט אים, ווייל דער פאטער זיינער וואר איין נאכט וועכטער אין יענע נאכט, זיא האט אים גיזויגען בגנבה ווייל באלד נאך זיין געבורט איז זיא געווארין איין אם ביי איינע נגידה וואס האט געוואוינט אין דעם זעלבען הויף וואס זיא האט געוואוינט, פלעגט זיא זיך אראפ כאפען צו אים עטליכע מאל

אין





אין טאג אום צו זויגען אים דארט אין איר שטוב בגנבה, דען די נגידה האט עס ניט געטארט וויסען, ער האט גילערענט בגנבה ווייל מען האט אים אפגעגעבען צו אזוי א מלמד וואס האט ניט געטארט האלטען נור (מער ניט) ווי צוועלף איינגלאך און ער וואר שוין דארט ביי אים דער דרייצעהנטער און פלעגט אים צו בעהאלטען אונטערן בעט ווי א גנבה אלס איינער פון זיינע בעלי בתים פלעגען צו קומען אין חדר, אלזא הייסט עס ער וואר געקנאטען פון גנבות, דאהער קיין וואונדער דאס ער איז געווארין א גנב, נון וועלען מיר דא אין דעם צווייטען קאפיטעל דער ציילען איין עטוואס פון זיינע ערסטע קינדישע גנבות, און פון זיינע שעמלען שטרייכע (שטוקעס).

## ב'.

### איין עטוואס פון זיינע עלטערן און פון זיינער ערציהונג.

זיין פאטער האט גיהייסען שמעון בורצאק, ער וואר א שומר פון די קראמען, אגוטער חיטראין א פראסטאק, דאס ער האט כמעט ניט גיוואוסט אונטער צו שיידען צווישען איינענע און פרעמדע, און עס איז קיין וואונדער ווייל ער האט קיין מאל גיהאט איינענע, און ווי אויך ער וואר א שומר פון גנבים וואר ער מעהר גנב אלס זייא, מעהר אלס איין מאל האט ער ארויס גינאנבעט פון די אויפגעבראכענע קראמען דאס רעסט וואס די גנבים האבען ניט פאספייעט איבער אים מיט צו נעמען, און פלעגט עס פאר סאחערין אן די ווידזער גנבים וואס ווארין דארט דאן פיל מעהר אלס ערליכע לייט, דיזער גנבשער האנדיל מיט דיזען לייטין פלעגט צו געשעהען ביי אים אין שטוב אין געגינוואַרט פון זיינעם בן יחיד נאטקע, ניט בעסער פאר אים וואר אויך די מוטער, פיש, אייער, עלע, און אזעלכע קליינגקייטין האט זיא קיין מאל גיקויפט נור א געצופעט, און דיזעס וואר קיין גיהיימנעס פאר זייער נאטענקען, דען זיא (די מוטער) פלעגט זיך לויט (הויך) בעשפרעכען דאריבער מיט איר מאן אין דעם דער ביי זיין פון דיזעם קינד, און אזוי אויך פלעגט זיא באהייצין איר וואוינונג מיט גינאנבעטע האלץ וואס פלעגין אראפ צו ווארפין לעבין איר שטוב די האלץ פורמאנעס בגנבה פון די קארעס פאר אגישעפט, און ווער רעט שוין פון לייען און ניט אוועק געבין, פערשפרעכין און קיין ווארט האלטין, עובר שבועה זיין, געבין אהאנט

און

און מאן גראדע פארקערט, דיזעס אלעס וואר דארט פון מאגעם ארדענונג (סדר היום), אלזוי גאנץ גינוג שלימע ביישפילען (פרימעריך) פאר איין יונגעס קינד, און בפרט נאך פאר אזוי אקינד וויא דער נאטקע וואר מיט אנייער גוטין קאפ וואס האט זיך פערשטאנען אויף אלע זייערע פארדארבענע שטרייכע (שעלמאוסטע) גאנץ גינוג אום צוא פערדארבין איין קינדעשעס הערץ; זעלבסט ווען ער וואלט עס צו זעהען פון פרעמדע מענטשין, געשווייגע (פשיטא דפשיטא) ווען ער האט עס צוא גיזעהען פון איינגע עלטערין, וואס זיינען אנגעוויזען פון גאט דורך זיינע נאטור גיזעצטע *) דאס זייא זאלין זייער קינד פידערן אין איינעם גוטין וועג, און מאכין אים פאר איינעם נוציגין מיטגליד (צלען) אין דער מענשליכע גיזעלינשאפט, און וואס זייערע שלעכטע אויפפירונגען ווירקען פיל מער אויף אים אלס דיא שלעכטע אויפפירונגען פון אנדערע, וייל ער האלטעט זייא דאך פאר דיא בעסטע און ערליכסטע מענטשין פון דער גאנצער וועלט **) און לידער זיינען אזו צו אונזער שאנדע דער גרעסטער

טהייל

*) דען נור אויס דיזעם גרונד אליין ווערט דער מענטש גיבארין שוואכער אלס אלע בריאים, און בלייבט אזוי איינע בעליבטע לאסט אויף זיינע עלטערין ביז זיין אכצעטעס יאר אום ער זאל זיין אונטער זייער השגחה און הדרכה, דאס זייא זאלין מאכין פון אים אזוי איין מענטש וואס זאל זיך שוין קענען ערליך נערין, און האבין אבענריף פון גאט און פון דער וועלט, זאנסט ווען ער וואלט געבארין געווארין גיזונט און שטארק וויא איין ווילדעס טהיר, און וואלט דארפין אלעס געברויכין וויא איין דערוואקסענער מענטש, ניט וויסענדיג נאך וויא מען קען אלע דיזע באדערפענעס בעקומען וואלט ער מוזין ווערין ארויבער, וויא מיר גיפינען דאס דיזער פאל וואר אין דעם דור המבול וואס זייערע קינדער זיינען געבארין דאן גיזונד און שטארק וויא איין צוואנציג יאריגער מענטש (בני דור המבול נולדו על מלואם כבני עשרים בעלי אגרופים וביום לדתם נלחמו את המזיקים, כהגדת בראשית ובמדרש שם) דאס זייא זיינען גיווארין רויבער וויא דער פסוק זאגט „כי מלאה הארץ חמס" און אויס דעם זעלבין גרונד בלייבין דיא עלטערע פארבונדין מיט איינאנדער אויף אימער וואס דיזער פאל איז ניט בייא קיינער אנדערע באשעפענעס דאמיט זייא זאלין זיך ביידע בעמיהען אין דיא ערציאונג פון זייערע קינדער.

**) דורך אשלעכטין פרימער פון איינעם פארנעהמען פארלירט מען דעם צו טרויען זעלבסט צוא דעם היילינסטען מענטשין און מען קען בלייבין דורך דעם אן אגלויבין, און ווערין אגרויסער מיזאנטראפ (מענטשין פיינד) פאר איין טרויעריגען בייא שפיל קען אונז דינען דער גרויסער פילאזאף און פרייע דיינקער

ברוך 



טהייל פון אונזער פראסטין נאראד וואס בעלאסטין אונז מיט איינער נאבקאמענשאפט (קינדער) וואס ווערין דורך דיא שלעכטע פרימערין פון זייערע עלטערין נאך פיל מער פערדארבין אלס זייא, און ווערין מיט דער צייט איינע פלאגע דער מענשהייט (נגעי בני אדם) פיל מער שעדליכער אלס משוגעגע הינט דען דיזע (דיא הינט) האט דאך יעדער מענטש דאס רעכט צוא ערשלאגין, און יענע (פארדארבענע מענטשין) שטייען דאך נאך אונטער דעם שוץ דער גירעכטיקייט. און אזוי איינער וואר אויך אונזער נאטקע גנב, וואס האט זיך אויס גיצייכנט אונטער דיא קינדער זיינעם גלייכין דורך זיינעם גוטין קאפ און דורך זיינע גרויסע איינפאלען אין גנבות, אין בעטרוג, און אין געוויסענלאזיקייט (סאוועסנאסט) דאס ער האט זוכה גיווען לשם פאר דעם גרעסטין גנב לדורי דורות, ער האט אנגיהייבין דיזען גישעפט צוא טרייבין זעלבסט אין זיינער ערסטין קינדהייט, ער האט נאך גיטאן זיינע עלטערין אין זיינער פינפטין יאר וואס זייא האבין גיטאן פאר אים אין דיא אויגין, אלס ער האט אנגיהייבין צוא גיין אין חדר האט ער אנגיהייבין ארויס צוא צופין קארסען, בירנען, עפיל פון דיא קאשיקעס וואס ארעמע פרויען פלעגין ארום טראגין איבער די חדרים, און האט עס גימאכט אזוי גישיקט וויא דיא מוטער פלעגט צוא צופין אהעכט אשלייען פון דיא פישערקעס, אייער פון דיא קערב, אין זיין געגינוואַרט, פלעגט זייער אפט בארגין אבולקע

אלעקאך

ברוך שפינאזע וואס איז נאך עד היום בערימט דורך זיינע ביכער אין דער גאנצער וועלט, ער איז נתפקר גיווארין (אזוי שרייבט ער זעלבסט) נור דורך אשלעכטין בייא שפיל וואס ער האט גיזעהען פון איינער אידישע דאמע וואס וואר העכסט רייך, פרום און גוט, און געבילדעט, אלס זיין פאטער האט אים געשיקט צו איר (ער וואר דאן אלט נור ניין יאהר) אפ נעמען בייא איר איינען טוצענד דוקאטען, האט זיא אים נאך דעם דאס זיא האט אים אויסגעקוסט אלע גלידערלאך זיינע און העכסט בעלויבט, און גיבענצט אים דאס ער זאל ווערין דער גרעסטער ראבינער (דען ער וואר איין גרויסער עילוי), האט זיא אפ געציילט דיא צוועלף דוקאטין אין אפאפיר און אריין גילייגט אין דער טאסע זיינע, ער אבער האט זיך ניט פערלאזין אויף איר ציילין און האט דער וויסט מיט 2 דוקאטין וויינעגער, פון דאן אן האט ער זיך פעסט [בעשלאסין] ניט צוא טרויען נימאנדין, דאס ער מוז איבער ציילין וואס ער נעמט און איבער דיינקען וואס ער הערט זעלבסט פון איינעם מר בר רב אשי צוא איז עס ניט פאלש, און איז גיווארין שוואך אין גלויבין.

אלעקאך און פלעגט עס נאכהער פערלייקענען און אפ שווערין באלד נאך דעם דאס ער האט באצאלט פלעגט אוועק צו מוזען (פערשלעפין) אפאציילקע, אסרור, אמעסעריל, און פלעגט עס צוא ברינגען אהיים און דיא עלטערין פלעגין עס ביא אים אנעמען מיט פריידין אלם מציאות און פערקויפין עס, און נאכהער האט ער שוין אנגיהייבין צו נאנבענען אין דעם קליידיל וואו ער האט גידאבינט, שטריימליך, זילבערנע בתים, אנלעקיל אזילבערנעם פון דעם עץ החיים, און דיזעם אלעם וואר גישעהען זייער גישיקט און גיהיים, דאס מען האט ניט דעם מינדעסטין חשד גיהאט אויף אים, דען ער האט גישיינט צוא זיין אין גאנצין דער הפך פון וואס ער וואר באמת, ער האט זיך גידאבינט גאנץ ערינסט און וואר גיהאלטין דער צוא נאך פאר איין וואויל קינד, דען ער איז גיוועזן באמת זייער איין וואוילער אינגיל, ער האט גיהאט איינע גוטע תפיסה, איין גרויסין זכרון, און איין שפיציגין קאפ, און דער צוא נאך וואר ער איין גרויסער מתמיד, און האט בעקומען אזוי איין בערוף (אשם) אין שטאט, דאס דיא גרעסטע מלמדים פלעגין זיך בעשטרעגען (בעמיהען) צוא בעקומען אים פאר אתלמיד אין זייער חדר, זעלבסט פאר איין גאנץ קליינעם שכר למוד, אלס איין לאקמיטעל *) וואס זאל צוא ציהען דיא תלמידים פון דיא גרעסטע הייזער, דען אין יענער צייט וואר' מען ערפיכט (לחוט) נאך איינעם נוטין חבר פאר אקינד נאך מער אלס היינט נאך אנוטין מיט שילער, עס האבין נאך אין מיינע קינדישע יארין גילערינט קינדער פון גרויסע מופלגים זעלבסט פון דיא גרעסטע מורי הוראות צוא זאמען מיט קינדער פון דער הלבע מלבה **) אזויא ווייט חיינר האט מען דאן גיקוקט אויף דיא זיפליכקייט, קורין גיזאגט דיזער נאמקע האט דאן גידינט אין אונזער שטאט אלס מוסטער (ביא שפיל) פון אנוטין אינגיל, און האט אלזא דורך דעם גיהאט גינוג גילעגינהייט צוא האבין איין אריין גאנג אין רייכע און אין פארנעהמע הייזער וואס ער פלעגט צוא ראמען דארט וואס נור מעגליך איז,



*) לאקמיטעל, וואס הייסט אין רוסים פרימאנקע ווערט אן גירופין דער טערעמיל וואס מען שטעקט אן אין דער וואנדע אום אנצוציהען דעם פישעלע צו איר און זאל זיך אן שטעכין אן איר.

**) אזוי וואר דאן אן גירופין יעדע סאדערזאטעלניצע פון איינעם פריידע הויז.





אזילבערנע לעפיל, אזילבערנעם גאפיל, און האט זיך ניט גישעמט אויך מיט גאר אקליינינקייט, אליכט, אבולקע וואר אויך איין קהן, דיא דינסטין פלעגין דורך דעם דארט זייער פיל ליידין, צוא אים אבער האט עס ניט גיהאט, דען נימאנדען איזט דער מינדעסטער פערדאכט (חשד) איינגעפאלען אויף אים, ערסטינס וויל ער האט זיך גיצייגט אימער פאר איין גאנץ אונשולדיגעם קינד (תמים) דער צו נאך פלעגט ער אימער צוא ציינין קליינע פראבין פון ערליכקייט, דאס פלעגט ער צוא געפינען אמטבע אין יעדעם הויז וואו ער פלעגט נור פערקערין און עס אפ געבין דער ווירטין דאס פלעגט ער מאכין אויפמערקזאם דיא דינסטין דאס זייא זאלין ניט לאזין שטעקען דעם שליסיל אין יענער זייט טיר דאמיט מען זאל עס ניט ארויס נעהמען און נאכהער וועט מען טיט אים אויפשליסען ביא נאכט דיא שטוב און בדלות שטעלען. און וואר זיך אזוי געליבט און גיאכטעט זעלבסט פון דיא פאר נעהמסטען דאמען דאס זייא פלעגין זיך בענשען מיט אים דאס זייא זאלין זוכה זיין צו האבין אזעלכע קינדער וויא ער איז, און זיינע עלטערין וואס פלעגען ביא אים צוא צונעהמען אלע געשניפטע זאכין וואס ער האט זייא גיבראכט וואלען העכסט שטאלץ אויף אים דאס עס וואר זייא ניט דורך צו בלאזען, און האבין אים צו זיין בר מצוה וואס ער האט דאן גיזאגט איין גינאנבעטען חילוק (דרשה) שוין פראצענעוועט אין פינף טויזינד גילדין נדן, און האבין זיך ניט גיקאנט אפוועדען פון שדכנים וויא אפאדלע פון אשטארע וועלף.

## ג.

איין עטוואס פון זיינע גרעסערע אקצעס, און פון זיין אנטלויפען פון ווילנא.

נאך זיינעם בר מצוה האט ער שוין אויפגיהערט צו לערנען אין אחדר און איז אריין אין אישיבה, און האט זיך אין איר ניט וויניגער אויס גיצייכענט אלס אין זיינע חדרים דען ער וואר אגרויסער גנב אין לערנען אויך. ער פלעגט איבער צו זעהען דעם שיעור מיט גאנץ זייטיגע מפרשים, און פלעגט דעם ראש הישיבה שטעלען אלע ווילע, און דיזעם וואר צו אשידוך פיל טייערער אלס בארעם געלד אין יענער צייט וואס לערנען איז דאן גיוועזן ביא אונז אידין במעלה גדולה, און דאס ווער עס האט נור זוכה גיוועז צו האבין איין איידעם אדער איין זון אראש

ישיבה וואר אים שוין ניט דורך צו בלאזען *) דאהער איזט שוין קיין וואונדער דאס אונזער נאטקע וואס וואר אזון פון אזעלכע נידעריגע עלטערין, האט גיהאט אויף זיך פיל באלאנים, דאס עס וואר וויא צוא זאגין איינע וואריע ליצעטאציע איבער אים, אלע שבת וואר ער געפירט פון איינעם מחותן צוא איינעם אנדערין ראש ישיבה פערהערין, דיזע רעפעטיציאנען (פראבען) האבען געדויערט מער אלס צוויא יאר און איז גיווארין דורך דעם איין גרויסער מפורסם אין גאנץ שטאט, דאס איין גבירעשער יונגער מאן וואס וואר איין איידים אין איינעם גרויסען הויז האט אים גינומען פאר אחבר, ער וואר דארט צוא טיש און אויך נאכטלעגער גיהאט, דען ער האט ביי יעדער פערהערענעם איינעם נייען זיג (נצחון) ערפאכטען, און דיא שטאט האט מיט רעכט ערווארטעט דאס עס זאל ווערען מיט דער צייט פון אים איין גרויסער מאן, און ווירקליך האט ער עס גיקאנט ווערען. ער וואר עס אבער לײדער ניט, דען אויך דאן אלס ער וואר שוין ניט ביי זיינע עלטערין אין שטוב, און עס האט אים שוין קיין זאך ניט גיפעלט, דען ער וואר פון דיזעם יונגען מאן אויך געלוינט זייער נוט מיט געלט, ביי אלעם דעם האט ער זיך פון זיינעם קינדישען פעלער ניט אויס געהיילט, ער איז גיבליבען א גנב וויא גיוועזען, נור מיט דעם אונטער שייד פריער פלעגט ער דיא געשניפטע זאכען אפגעבען דיא עלטערען, איצונד אבער האט ער עס פערקויפט אן דיא זעלבינע קונדען (יודישער גנבים) וואס זיינע עלטערען פלעגען זייא פערקויפען, און דעם גראסען פלעגט ער צו קלייבען ביי איונגע ווייבעל זיינע אקרובה וואס וואר פיל שענער אלס ערליך, דען נימאלס גייט דיא זינדע אליין, גנבה שלעפט נאך, נאך זיך אויסגעלאסענהייט, חלול שבת, פאלשע שבועות און אזו אלעם וואס נור פערבאטען איזט, וויא דיזער

פאל

*) וכן כתוב בספר עמוד התורה המדבר מענינו של כבוד ראש ישיבה בימים ההם, וזה לשונו „בכל קהלה וקהלה היו תופשין ישיבות והיו מרבים שכר לראש הישיבה שלהם כדי שיוכל לתפוש ישיבה בלא דאגה ולהיות תורתו אומנתו, הראש ישיבה לבד ישב על כסא וכל החכמים ושאר בני אדם נצבים עליו וסביב לו ונכנעים לפניו, וכבוד גדול היה לראש ישיבה בכל קהלה ובהרידין, ודבריו נשמעים הן לעניים והן לעשירים ולא המרו את פיו והיה בידו רצועה להכות ללקות ולקנוס, ולכן כל אשר לו ??? בעד בחור מופלא להיות חתן לבתו, ומזאת נפרץ המנהג בליטא לחנך הבנות במסתר עד שתהיינה ראויות לפרנס בעליהן כדי שיהיו פנויים לעסוק בתורה יומם ולילה.





פאל איז מיט אלע אנדערע זינדע דאס זייא העקלען זיך איינע אן דיא אנדערע *) נור מיט דיזען אונטער שייד דאס פון אלע אנדערע זינדען קען דער מענטש מיט דער צייט זיך לויז מאכען און ווערען איין גאנץ ערליכער מאן ווייל עס הייבען אן צו פעלען כוחות און גילעגנהייטען דער צו, אדער ווייל מען איז שוין אום שטאנדע צוא בעפרידיגען דיא לײדענשאפט (תאוות) בדרך היתר, ניט אזו אבער איז דער פאל מיט דער זינדע פון גנבה, דער וואס האט זיך נור אריין געלאזען אין איר בלייבט שוין איין גנב ביז זיין טויט, ערסטענס ווייל עס פעלט אים קיין מאל אן געלעגענהייטען דער צו, און צווייטענס בעהויפטען אונזערע פשיכעלאגען (דיא חכמים וואס ווייסען דיא נאטורען פון דיא כוחות הנפש) דאס דיא לײדענשאפט (תאוה) צוא נאנבענען איז איינע צווילינג שוועסטער פון בעטלען, וואס זייא ביידע זיינען איינגעבארענע פעלער, ליגען אין דעם בלוט פון דיזער אונגליקליכע קלאסע מענטשען, זייא מעגען ווערען העכסט רייך און פארנעם און זעלבסט ביי זייער בעסטען ווילען עס ניט צו זיין מוזען זייא דאך שטילען און בעטלען, און זאגין צו גלייך דאס אזעלכע מענטשען בעסערען זיך ניט דורך קיינע בעשטראפונג, און פערדינען אויך ניט בעשטראפט צו ווערין אויס דעם זעלבען גרונד וויא עס ווערען בעשטראפט אנדערע פערברעכער וואס טוען זייער פערברעכען מיט איינעם פרייען ווילען, דאס זייא ווערען בעשטראפט אויס ראכע (נקמה), און אום אפ צו שרעקען דעם אנדערין דאס ער זאל דיזען פערברעכען ניט טאן, גיין דיזע לייטע דאס הייסט גנבים און בעטלער מוזען בעטראכטעט ווערין נור וויא שעדליכע טהירע וואס זיינען מזיק נור אויס ריינעם אינסטיקט (נאטירליכען טריב), און מוזען אלזוי (ווייל זייא דאך מענטשין זיינען און קיינע טהירע) אום דאס זייא זאלען ניט שעדליך זיין צו דער מענשליכע געזעלינשאפט פערוויזען ווערען אין וויסטע ערטער אדער איינגעשפארט ווערען אויף אימער אין געפיינגנים הייזער וואו זייא זאלין איינגעהאלטען ווערין דארט צו איינער שווערע ארבייט, דאמיט זייא זאלין זייער ברויט פערדינגען *) און אזו איין לײדענשאפטליכער

גנב

*) אין מדרש פ׳ נשא ווערט אויס גירעכינט וויא איין נואף איז עובר אויף אלע עשרת הדברות, און אין אנדערע שטעלין ווערט עס אזויא אויס גירעכינט ביי אנדערע זינדען, געוויס קיינע זינדע גייט ניט אליין עבירה גוררת עבירה.

**) אין איינגלאנד וואר ביז הער דיא זיטע דאס מען זאל אדיב הייגען, און בעפאר מען פלעגט אים ארויף ציהען אויף דער תליה, פלעגט מען אים צוא

זאגין

נגב (דאס הייסט אזוי איין דיב וואס האט געשטויל׳ען נור אויס בלויזער גייוונג אבער ניט אויס נויט) וואר אויך אונזער נאטקע, דען ער האט גקאנט פיל גליקליכער זיין ווען ער וואלט גיווען איין ערליכער מאן, ער האט געשטוילען אלס עס האט אים גאר ניט גיפעלט, אונ צו זיינעם אומגליק האט אים זייער שטארק געגליקט אין זיינע גנבות, דען עס האט זיך נימאנד געשטויסען אויף אים דאס ער זאל עס גישטויל׳ען האבען, אונ אן גילעגענהייטען האט אים נימאלס גיפעלט, דען ער האט גיהאט איין אריין גאנג אין גרויסע הייזער, אונ עס האבען איבער אים געליטען פילע אונשולדיגע מענטשין, אונ ביי אלעם דעם האט ער קיין געלט ניהאט, דען וואס ער האט גישטויל׳ען האט ער וואלוויל פערקויפט, אונ העכסט טייער גיצאלט פאר די הולטייסטווא וואס ער האט איינגעהאנדעלט אונ אם מערסטען האט ער זיין געלט פערשווענדעט אין די ליבשאפטין זיינע מיט דער ווייבעל וואס זיא וואר זיין קאסירערקע, אונ וואס ער איז גישטאנען ביי איר אין קרעדיט, אונ וואר אימער איר שולדנער, אונ נאך איז ניט גיוועזין אונ וועט ניט זיין אזוי איין רייכער מאן וואס זאל זיך קענען ביי אזוי איינע ראספלאצעווען וויא אונזער חכם זאגט «אם יתן איש את כל הון ביתו באהבה בוז יבוזו לו» דאס הייסט ווען איין מענטש זאל דעם גאנצין פערמעגען זיינעם אוועק געבין זיינער געליבטע וואר ער נאך אלץ ניט גיאכטעט ביי איר.

נור גינוג לאמיר אונז אומקערין צוא אונזער ערציילונג, אין דעם משך פון דיא צוויא יאר וואס אונזער נאטקע וואר גיפירט אלע שבת צום פראבע וואר אים איבער גירעט מער וויא הונדערט שדוכים, אונ אם ענדע האט זיא אלעמען אויס געשטיגען איין רייכער קירזנער, איין געוויסער יאסעל דער שטרייכער, ער האט איינע איינציגע טאכטער גיהאט וואס האט געהייסען צארטקע דיא בריאה, דען זיא איז גיזעסין אין דער פוטער קראם פון איהרע עלטערין, דיזער יאסעל וואס וואר איין שטרייכער וואר אליין אויך גאנץ פערשטרייכט (פערפארבט, פערצבועט) אונ אזוי וויא אין זיינע אלע פוטערוואר, אזוי אויך אין אים אונ אין זיינער טאכטער וואר קיין נוטער האר, ער וואר איין גרויסער בעטריגער, אונ

---

זאגין צוואר גנבה איז דאך קיין רציחה דאך מוזין מיר אייגען גנב הייזגען, דען זאנסט זייגען מיר ניט זיכער מיט אונזערע פרייהייט דען ביי אונז ווערט קיין פאס גיפאדערט פון קיינעם נון מוזין מיר ערליכע לייט האבין אין אונזער לאנד.





אונ איין גרויסער גראבער יונג. אונ האט גיטאן דיזען שידוך ניט אויס ליבע צו דער תורה, דאס הייסט אום צו האבין איין איידים אלמדן. נור אויס גאוה דאס ער זאל קענען בעקומען איין מורנו, טראגין אשטריימעל אונ גיין אין איינע גראדיטורענע העליע*) אונ מעגין זיין ששי. ווען זיין איידים וועט ווערין איין ראש ישיבה. ער האט אים צו גיזאגט פינף טויזנד גילדין נדן, אייביגע קעסט, ער האט אים גיגעבין טייערע מתנות, אונ האט אים באלד נאך תנאים אריינגענומען צו זיך אין שטוב, האט אים אפ גיגעבין אבעזונדערע סאלקע מיט ספרים, חתונה האט מען אפ גילייגט אויף א יאר ווייל עס וואר דאן גרויסע אונרוען אין דער מדינה, פון דיא שווידען, אונ מען וואר דאן ניט זיכער מיט דעם לעבין וועגין דעם גאנטא אונ דאס גלייכען וועגין דעם זעלעניק וואס וואר איין הויפט מאן פון דיא היידוקען, אונ צו ליב דעם האט זיך דיא חתונה פערצויגען נאך מער אלס אנדערהאלבין יאר ווייל עס ווארען געשטערט אלע ירידין אונ מערק, וואס דיזעס האט זייער פיל גישטערט דעם גישעפט פון דעם יאסעל שטרייכער דאס ער וואר ניט אין שטאנדע צוא סיליקען דעם נדן, אונ אין דיזען משך האט זיך אונזער נאטקע אויסגילערענט דארט אין שטוב אביסיל פויליש ריידין דען עס פלעגט דארט פערקערין זייער פיל פריצים, שלאכטעס, וואס פלעגין צוקויפין היטלען, פוטערס, אונ דאס גלייכען, ער האט עס ערלערנט מיט פלייס, דען ער האט פאר אויס גיזעהען דאס ער וועט עס נייטיג האבין צו זיין פראפעסיאן, וואס ער האט עס נאך דאן אויך גיברויכט. נאך מיט פיל ווייניגער מיהע אונ מיט מער נוצען, דען ער האט זיך אונטער גינאנבעט דארט, דאס אציימער (אבונד) אנאנקעס דאס אפאר גוף שויבעלעך, ער האט עס פערקויפט אן זיינע

---

*) אין יענע צייטין וואס כבוד התורה וואר זייער גרוים אין אונזער ווילנא וואר קיינעם פראסטאק ערלויבט צוא טראגין אשטריימעלע, קיין זיידענצייגענע דעליע, ניט צוא מאכין אמנין פאר זיך, קיין קצב האט ניט גידאווינט אין אבעזונדער קלויז פא קאצאווסקע, קיין שניידער פא שניידעררסקע, אונ האט אזוי גימוזט עולה לתורה זיין איינס פאר אחרון, איין מאל האט זיך אריין גיוויזין איין שוסטער אין דער גרויסע שול אנגיטאן אין אזיידענע דעליע האט אים דער פרנס חודש ר׳ מאיר רפאל׳ס גילאזט אים ארויס פירין אויף דעם שול הויף אונ דיא משרתים האבין גיטאנצט מיט אים דארט איין ברונז טאנץ, וויא אויך עס וואר עס איין גרויסע אומרעכט דאך וואר עס אין מאנכע הינזיכטין פון גרויסע נוצין, וואס ניט דא איז דער ארט פון צוא שפרעכין.



[illegible]

דיינע אלטע קינדער, אונ דעם איין געלייזטען גראסען האט ער שוין ניט
גיטראגען צו יענער ווייבעל, ער האט עס גיקליבען בייא זיך אין זיין
קעסטעל, דען וואס ער פלעגט צו בעקומען בייא איהר פאר שווער געלט,
האט ער עס בעקומען בייא זיינעם מחותן אין שטוב אומזיסט, בייא
זיינער אייגענע כלה, אונ דאהער אלס עס האט אנגעהייבען צווערען
קענטיג דיא פרוכט פון זיינע צו פריא צייטיגע ליבע צו איהר, אונ דער צו
נאך אלס ער האט איין גיזען דאס דיא גליקס רעדעלע פון זיינעם מחותן'ס
געשעפטען האט זיך אנגעהייבען צו דרייען צו ריק איז בייא אים גיבליבין
דאס ער זאל זיך בעצייטען פון שטוב ארויס מאכין (אנטלייפען), אונ איז
ווירקליך אנטלאפען, נור אבער ניט מיט ליידיגען ער האט ארויס
גענאנבעט אפאר טויזענד גילדען מזומנים וואס מען האט גיבראכט
לייזונג פון הארשער יריד, אטויזענד גילדען האט ער גיהאט אנגעשניפטע
פון פריער. ער האט זיך פערקליידעט וויא אשליח*) אונ איז אוועק קיין
ווידן צוא זיינע בעקאנטע, אום צוא פראקטעצירען דיזע אונאיידעלע
פראפעסיאן גאנץ אפען, דאס הייסט אלס קיסלער וואס טרייבט דיזעם
האנדווערק אינגרא (אין גרויסען). —

SEXUAL RELATIONS

עס איז צוואר פאר אזוי איינעם וואס וואר אוואויל לערנער, אונ
דער צו נאך העכסט קלוג, וויא אונזער נאטקע וואר דאן איין צו ווייטער אונ
איין צופיל געוואגטער שפרונג צו ווערען אנשטאט איין ראש ישיבה איין
פובליצנער קיסלער אונ דער צו נאך העכסט דום, דען ווער פערשטייט
עס ניט דאס עס פיל בעסער אונ פיל שענער צו זיין איין ראש ישיבה וואס
עס וואר דאן פערבונדען מיט איין עהרען ברויט אונ מיט עולם הבא
דער צו, אלס איין קיסלער וואס איז פערבונדען מיט שאנדע, מיט גיפאר
אונ דער צו נאך מיט גיהנם, בייא אלעם דעם דארף עס דיר מיינע
לעזערין ניט בעפרעמדען (חידושען) ווען דוא נור איין מאל בעקומען צו
וויסען דיא קראפט אין דיא צויבער מאכט פון איינער ליידענשאפט (פון
איינער איינגעווירצעלטעם תאוה) וואס קען באהערשין דעם גרעסטין חכם
אונ

*) אין יענע צייטין אלס דיזעם לאנד איז נאך גישטאנען אונטער דעם
פוילישע רעגירונג, וואר נאך קיינע פאצטען, אונ דיא קויפלייטע וואס ווארין
דא נור אידין פלעגין צוא שיקען זייער בריף אונ זייערע געלטין נור דורך שילוחים
מיוחדים וואס וואַרען געקליידעט אין סארעקעס אונ אין קיטעס מיט איינער
נאסעקע (סוקעוואטין שטעקין) אין האנד. דען זייא פלעגין צוא גיין דער מיט
צוא פוס נור.





אונ דעם גרעסטין צדיק, דאס ניט אומזיסט האבין גיזאגט אונזערע
חכמים "איזהו גבור הכובש את יצרו". דאס הייסט דער גרעסטער העלד
איז נור דער וואס קען זיך בעמעכטיגען איבער זיינע ליידענשאפטען, אונ
אזעלכע העלדין ווארען נאך ביז אונזערע צייטין נאך גאנץ ווייניג, דער
מיט וואר גערימט אונזער פאטער אברהם עליו השלום וויא אונזערע
חכמים דריינגען פון דעם פסוק "וה' ברך את אברהם בכל" שהשליטו
ביצרו, דאס הייסט דאס וואס דער פסוק זאגט דאס גאט האט גיבענצט
דעם אברהם "בכל" איז גימיינט דאס ער האט אים גיגעבין דיא מאכט
צוא באהערשין זיינע ליידענשאפט, דען דאס ווארט בכל איז גלייך
שטימיג מיט דאס ווארט "בכל" וואס שטייט אין קריאת שמע "בכל נפשך"
וואס דארט איז שוין דער מיין גאנץ דייטליך מיט אלע דיינע ליידענשאפטען
אונ דאס זעלבע זאגין זייא אויך אויף זיינעם קנעכט אליעזר דען זייא
טייצין דעם פסוק אויף אים "המושל בכל אשר לו" דאס וואר איין גרויסער
באהערשער איבער אלע זיינע רמ"ח אברים אונ איבער אלע זיינע
גייסטיגע געפיהלע, וויא זיין העהר אברהם, עס ווארין צוואר נאך פיל
פרומע לייט, דאך אבער ווייסין מיר ניט צו האבין זייא גאר גיהאט
ליידענשאפטען צוא באהערשין אונ ליידער האבין מיר גינוג טרויעריגע
בייא שפילע פון יעדער צייט אונ זעלבסט אין אנדערע ספרי הקודש,
דאס זעלבסט גרויסע מענטשין זיינען גיווארין באהערשט פון זייערע
ליידענשאפטען, אם שענסטין דריקען זיך אויס אונזערע חכמים דאריבער
אין דעם מדרש קהלת אויף דעם פסוק "יש אחד ואין שני גם בן ואח
אין לו" יש אחד זה יצר הרע ואין שני שאין לו זוג בעבירה, גם בן ואח
אין לו בשעה שהולך אדם לעבור עבירה אינו רואה שיש לו בן שימות
בעונו ואינו רואה שיש אח שיתביש ממנו, דאס הייסט גיזאגט דאס דער
מענטש אין זיינער זינדע נעמט ניט דיא מינדעסטע ריקזיכט (אוואזענע)
אויף דעם צווייטין אונ בעדיינקט זיך ניט דאס עס וועט דורך אים
פארשעמט ווערין אברודער אזון, אונ גינוג פראבין האבין מיר אין
אונזערע צייטין נאך וואס גרויסע מענטשין האבין זיך אריין גילאזין אין
שכרות, אין קארטין שפילין, אונ אזייא אין אנדערע ליידענשאפטען,
אונ פערלירען דורך דעם דיא עהרע, אונ גרויסע שטעלין, אונ בפרט
נאך איז עס צוא זעהען אונטער קלענערע מענטשין איבער הויפט בעלי
מלאכות וואס פערברינגען זייער געלט אונ זייער צייט אין דיא שיינקען
אונ ווערין מיט דער צייט שכורים, עס איז מיט דער זינדע ניט צוא
שפילען

שפילען און צוא שערצען (קאטאוועס טרייבין) פיל מער גיפערליכער אלס וויא מיט איינעם גרימיגען לעווען (לייב) דען באלד ארטעט זיא אוים (ווערט זיא) איינע לידענשאפט (איינע איינגעוואורצעלטע תאוה) דאס עס איז שווער לויז צוא ווערין פון איר וויא פון איינער אנגעבארענע נייגונג צום שלעכטין וואס מען ברויכט צוא האבין צוא איר גרויס גבורה אום צוא מתגבר זיין זיך איבער איר*) וואס יענע דיא וואס האבין עס ווערין אן גירופין (וויא אונזערע חכמים זאגין) גבורי כח עושי דברו. — יא עס איז מיט דער זינדע ניט צוא שפילין, זיא נאדזעט זיך באלד איין אין הערצין, און קומט אלע ווייליע גאנץ אונגערופין, און בלייבט אימער ביא דער האנד, וויא דער פסוק זאגט «לפתח חטאת רובץ» ווען דוא וועסט דיך ניט בעסערין (זאגט ער דארט) וועט זיא זיך לאגערין ביא דער טיר פון דיין. שטוב דאס הייסט עס וועט זיך דיר אימער מאכין איינע גילעגענהייט צוא זינדיגין «ואליך תשוקתו» און וועט נאך האבין איינע לוסט צוא בארידען דיך «ואתה תמשול בו» און דאך ווען דוא ווילסט קענסטו איה באהערשין **), איך האב מיך צוואר דא צוא פיל פאר רעט אום איינער זייטיגע זאך און ביא אלעם דעם בערייע איך עס ניט מיינע טייערע לעזערין. דען מיין ציל אין יעדער געשיכטע איז פיל מער אלס איין בלויזער און לידיגער ***) צייט פערטרייבער, מיין אבזיכט איז דער

ביא

*) אזוי ווערט גישריבין אין איינעם געוויסין ספר, איבער משה רבינו דאס איין געוויסער אראבישער קעניג וואס האט גיזעהען זיין פאטרעט, האט ער שופט גיוועזן פון זיין תמונה (דען ער האט זייער גוט פערשטאנען חכמת הפרצוף) דאס ער איז אמענטש וואס איז גיבארען מיט אלע מדות רעות אין דער וועלט, און האט ניט גיוואלט גלויבין דאס ער איז דער הפך דער פון ביז ער האט אים גיזעהען מיט זיינע איינענע אויגין.

**) ומי יודע אם לא יש כאן תיקון סופרים מפני תקנת השבים וכן היה צריך להיות כתוב „לפתח חטאת רובץ ואליו תשוקתך והוא ימשול בך" מלה במלה כמו שנאמר בקללת חוה „ואל אישך תשוקתך והוא ימשול בך" כמו שאמרו חז"ל על מי שנשתרש בחטא ונעשה לו כהיתר, היינו לידענשאפט.

midreshic text-emmendation

***) עס איז זייער לייכט צוא באמערקין דאס אין אלעם וואס דער בורא ברוך הוא האט באשאפין דאס דער מענטש זאל זיך דער מיט גענערין בעצוועקט מער אלס גענוס (פערגעניגען) אליין, עס איז אלעם פרובט און זאמען, למשל דער עפעל, דיא בערנע, דיא קירשע, האט אין זיך קערנער וואס דאס איז איין קרן קיימת אויף שפעטרע צייטין, דאהער גיהערט דער מענטש צוא בעגיין זיך אזוי אויך אין אלע זיינע גענוסע (פערגעניגען) דאס עס זאל בלייבין דער פון

אויך





ביא איין פיל וויכטיגערער, איך מיין דער ביא איין מוראלישין צוועק צומאכין דיך בעקאנט מיט דיא קרימונגען פון דעם מענשליכען הערצין, און וויא וייט עלטערין מוזין זיין בעהוטזאם (אסטאראזנע) מיט זייערע קינדער ערציהונג, זאנסט וועקין זיא אליין אויף אין זייערע קינדער מאנכע אנגעבארענע לידענשאפטען וואס וואלטין געבליבין פערשלאפין צייט זייער לעבין וויא דער פאל דא מיט אונזער נטע גנב וואס דיא עלטערין זעלבסט האבין אים גיגעבין טרויעריגע ביא שפילע צוא דער לידענשאפט פון גנבה וואס ביא איינער גוטע ערציהונג האט עס גיקענט גאנץ בעזייטיגט ווערין, דען דיא ערציהונג איז דיא צווייטע נאטור, און לידער איז עס ביא אונז אידין גאנץ און גאר פערנאכלעסיגט אגרויסער טהייל פון אונז פערשטייען עס ניט. און דיא וואס פערשטייען עס ניט נעמען זיך ניט דיא מיהע צוא בעשעפטיגען זיך דער מיט, און איך בלייבע ביא מיינעם גלייכווערטיל וואס איך האב עס שוין איינינע מאל גישריבין, עס איז דער גרעסטער קונץ צוא זיין א טאטע אדער א מאמע און דאך נעמען זיך אן יעדער פון אונז, און נאך גרעסער דער אקט דער פון אז גראדע גאנץ יונגערהייט אלס זייא זעלבסט דארפין האבין ערציהונג. נון קערע איך אום צוא מיינע ערציילונג ווייטער און וויא עס שיינט אוים אהנע איינע אונטערברעכין (הפסק) מיט איינאנדער זייטיגע זאכין וויא ביז אהער.

ער

אויך איין קרן קיימת, למשל ווען ער לייענט איינע ערציהלונג, זאל אויסער דעם צייט פערטרייב האבין אין זיך אויך איינע לעהרע, איין מוראל, און פיליכט איז ביא אונז דער מנהג ניט צוא עסין ניס אום ראש השנה, ווייל ביא ניס עסין פערצערט מען דאך דאס קערענדיל, נון בלייבט דאך פון אים גאר ניט, נון איז עס איינע אנשפילונג (איין רמז) דאס מיר זאלין אונז אויף זיך געמען אויף דעם נייען יאר ניט צוא גניסען אזוי איין פוסטין און לידיגין פערגעניגין וואס זאל ניט לאזין נאך זיך איין קרן קיימת, נון קען מיך ווער איינווענדין און זאגין ווען אזוי האט מען דאך ניט גידארפט עסין קיין חלה און קיין ברויט, דען דיזעס בעשטייט דאך אוים דיא קערנער נור, דיזעס אבער לאזט זיך פערענטפערין מיט דעם משל וואס אונזערע חכמים דער ציילען דאס דיא שטרוי האט זיך אמאל געצאנקט מיט דיא קערנער, דיא שטרויא האבין גיזאגט דאס דער עיקר זיינען זייא, און דיא קערנער האבין גיזאגט פערקערט דאס זייא זיינען דער עיקר, און דיזעס איז ווייל דיא געטריידע מאכין איינע אויסנאמע אין דיזער זאכע, דאהער האבין זייא דעם געשפרעך דיזען ארין געלייגט אין דעם מונד פון דיא קערנער און דיא שטרויא.

## ה.

**פון זיין רייזע קיין ווידז, אונ פון זיין בלייבן דארט אלס אידים.**

„ער איז אוועק פון ווילנא“ האבן מיר געזאגט אין דעם פאריגען קאפיטעל, פאר קליידעט פאר א שליח ער האט גיטאן אוים צוויי גרינדען (טעמים), ערסטינס דאס עס זאל ניט זיין אויפפאלענד (חידעשדיק) אויף דעם נאסצעניס דאס איין שיין געקליידעטער יונגער מאן גייט צו פוס וואס דורך דעם וואלט זיין מחותן גיוואר ווערין שוין זייער לייכט דורך דיא רייזענדער דאס ער איז אוועק קיין ווידז, צווייטינס וואר דאן דיא וועג פון ווילנא קיין ווידז העכסט אונזיכער אונ העכסט גיפערליך דאס מען האט גימוזט פארין גאנצע קאמפאניעס צוזאמען, אונ דאס נור ביא טאג, אונ דער צוא נאך בעוואפינט מיט פיקעס, מיט קילין (דובינעס) אונ זייער אפט מיט פיסטאלעטין. דען וויא דיא וועלדער פון ביידע זייטין נאסצענעס וואָרין לאנג ברייט אונ געדיכט. וואָרען זייא פול מיט רויבענעסטערין (נאות חמס) אונ בעפעלקערט מיט אלער האנד גענזינדעל (סוואלצעס) אנטלאפענע ראסטאנטין. אנטלאפענע זעלנער, ציגיינער, אנטלאפענע קנעכט פון פריצים, אונ אונטער דעם אויך זייער פיל קיפלער, וואס וואָרען ציטענוויים אין דיא שטעט אום צוא שמוילין דארט אונ צוא גליך אוים צו שפיאנירין ווער עס וועט פארין אויף דיזעם נאסצענעס אונ וואס ער וועט פירין מיט זיך צוא געלט צוא סחורה, אונ נאכהער פלעגין זייא צוא קומען אין דיא וועלדער אום צוא געבין געוויסע סוועדענעס דער פון דיא הויפט לייטע פון דיזע באנדיטען וואס וואָרין איבער הויפט דעקדעטירטע שלאכטעס, אלזוי ווען מאנכער רייזענדער האט דורך געמאכט דיזע שטרעקע פון ווילנא ביז ווידז ניט תארעגדיק אוים גירויבט אדער אזוי גאר ערמארדעט האט אם וויינינסטענס גיהאט גינוג וואונדער צוא דערציילין פון דיזער נסיעה, אונ גיבענטשט גומל, איינע אויסנאמע דער פון האבין גימאכט דיא שלוחים דען זייא פלעגין צוא באקומען שוצבריפע (פאספארטין) פון דיא הויפט לייטע פאר שווערעס געלט וואס דיא סוחרים פלעגין עס היטען איין צוא צאלין, אונ וואָרין מיט דיזע פאפירין זיכערער וויא היינט מיט אפאס, דען וויהע וואר דעם באנדיט וואס האט זיך אן אזוי איינעם פערגריפען. — דיזע לייטע (דיא שלוחים) פלעגין שוין רעספעקטירען ווערין (גישוינט ווערין) פון דיא באנדיטין פון ווייטין, דען זייא פלעגין

זייא





זייא דער קענען שוין פון זייערע הינטערהאלטין (זאסאדקעס) אן זייערע סארעקעס קוצמעס אונ אן זייערע נאסעקעס וואס זייא האבין גיהאלטין אין דיא הענד וויא בייזע שילענגער, אונ פלעגין זייא לאזין פרייען גאנג, אונ דאהער האט אונזער נטקע בענוצט איצונד דיזע מלבושים אלס איינע שוצוואפע (זאשציטע) וואס זאל מגין זיין אויף אים אויף דיזע גיפערליכע רייזע, קוים אבער איז ער איין גיגאנגען אמייל זעקס וואר ער אן גיהאלטין פון איינעם נאייען באנדיטען וואס וואר נאך ניט אזוי היימיש (בעקאנט) מיט דיזער אוים גיצייכענטען אוים קליידונג דאס עס זאל אים שוין אליין גינוג זיין אום צו לאזין אים פרייען לויף (לייפין), ער האט אים אן גיהאלטין אונ דער נטקע האט זיך אפ גישטעלט אונ האט אים פאר גילייגט (אוים גיזונגען) דיא באקאנטע פיעסענעס איך האב דאס רעכט פון דעם הויפטמאן דיינעם ניט אנגעהאלטין צוא ווערין פון איינעם פון זיינע לייטע דען איך בין איין משולח „אלזוי“ האט זיך יענער אפגירופין „ציינע מיר דיין פרייע בריף, אונ ווען ניט גיב מיר דיין ביטיל זאנסט שיסע איך דיר צום טויט“, „איך האב דעם פרייע בריף פערלארין“ האט זיך דער נטקע אפגירופין, אונ צווייטינס העטע איך אים צוא הויזע גיהאבט וואלט איך אים אויך ניט מיט גינומען דען עס קענען מיר אלע דיינע קאמראדין דאס איך בין איין שליח אונ ברויכע אים אלזוי שוין ניט מיט צונעמען אונ דאך וויל איך מיט דיר ניט אריין גיין אין איינעם ווייטין גישפרעך, דען דוא קענסט דאך מיר ניט, אונ ווילסט אלזוי מיר ניט גלויבין גיב איך דיר דאס געלט ביז איין גראסין, אונ ווינשע דיר צוא גלייך גליק אין דיינער גיפעהרליכען פראפעסיאן, דען דוא גיפעלסט מיר דא דוא ביסט איין טרייער דינער דיינעם הערין, אונ דערפאר פערלאנגע איך פון דיר נור איינע קלייניגקייט, אום דער קויפמאן וואס האט גישיקט דורך מיר דאס געלט קיין ווידז זאל מיר גלויבין דאס איך בין אונטער וועגינס אויסגערויבט גיווארין, אונ זאל ניט מיינען דאס דאס געלט זיינע איז ביא מיר גיבליבין, אונ זאג אים נור אליין דאס מען האט עס ביא מיר אוועק גינומען, אונ וועל דאך דורך דעם פערלירען מיין שטיקיל ברויט דאס איך וועל שוין ניט קענען מיינען נאקעטין לעבין דערהאלטין, פערלאנג איך פון דיר דאהער דאס דוא זאלסט מיר דורך שיסען מיין שארעק דאס איך וועל אים אויפהיינגען אנוויילע אויף איין בוים אום צוא צייגין אים אלס איין געוויסען בעווייז דאס איך וואר אונטער דיא הענד פון איינעם רויבער. —

אונ

און דיזע גיפעליקייט האט זיך אפגירופען דער באנדיט צוא אים צונעמענדיק. דאס געלט בייא אים ביז איין גראשן, זאל עס דיר באלד גישעהען. איך וועל מיט מיינע בלייא און פולווער ניט גייצין (קארגן) וואו עס קען דעם צווייטען איינע גיפעלינקייט גישעהען, דער נטקע האט באלד אויסגעצויגן דעם סארעק האט אים אויף גיהאנגען אויף אבוים און דער באנדיט האט אים דורך גישאסן אפאלע, און מער וויא דיזעס האט דער נטקע ניט גיוואלט דאס דיא לאדונג (לאדוניק) פון זיינעם ביקס זאל זיין פערשאסן, און בעפאר דער באנדיט האט פאספייעט עס ווידער אנצולאדעווען האט ער אים דער לאנגט הינטער ווערטס אזעין מיט זיינער נאסעקע (דוביניקע) איבער דעם מוח דאס דער באנדיט איז אנידער גיפאלן אויף דער ערד וויא אשנאפס און איז געבליבן ליגין גאניץ אן איין בעוואוסט זיין (אן אזינען) און דאן האט ער אפגינומען דאס געלט זיינע צוריק און איז אוועק פון דארט אן אזייט, און איז גיקומען אין אדארף, דארט האט ער זיך אומגעקליידעט פאר אפויער אין לאפצעס און איז זיך גיקומען אלזוי טראגענדיג אלין אקערביל יאגדעס נאניץ גליקליך קיין ווידז פארין שטאט האט ער זיך ווידער אומגעקליידעט וויא ער פלעגט צוא גיין אין דער היים, און איז אריין צוא דעם רב, ניט אבער צוא דעם רב פון דער קהלה וואס וואר דאן איין גיוויסער ר׳ הערצעל קיילעס אגרויסער צדיק, נייערט ער איז אריין צוא דעם רב פון דיא גנבים וואס וואריו דאן אין ווידז אגרויסע גימיינדע קיסלער און בייטעל שניידער וואריו אין בונד צייטשענישט מיט דיא באנדיטין וואס וואריו אין דיא וועלדער איבער הויפט אבער פלעגין זייא פארין אויף ירידין און פלעגין בדלות צוא שטעלין דיא וועלט, נון דיזעס געזינדעל (סוואלצעס) האבין דאן גיהאט איינען אויבער הויפט מאן איבער זיך איין געוויסען איצעלע קוצוק, נור בייא דיא קריסטליכע באנדען וואלט מען אזוי איינעם גירופין "הויפטמאן" אין איינער אידישע באנדע וואר אזויא איינער גירופין מיט דעם נאמען רבי און אזוי וואר דיא זיטע אויך זעלבסט אין דיא צייטין פון דיא תנאים און אמוראים *). דיזער איצעלע קוצוק וואר אמענטש אלמדן אחכם איין אסאבא איינער פון דיא גרעסטע בעלי בתים דארטינע,

אנגרויסער

*) בפרק השוכר את הפועלים בבא מציעא (דף פ"ד) ר׳ יוחנן אמר משיצרפם בבכשן ר"ל אמר משיצחצחן במים א"ל לסטאה בלסטיותיה ידע, א"ל ומה אהנת לי התם רבי קרו לי הכא רבי קרו לי א"ל אהנאי לך דאקרבינך תחת כנפי השכינה, פרעג עס בייא איין למדן וועט ער עס דיר ערקלערין.





אגרויסער בעל דעה דארט, אתקיף בייא דעם אסעסער, בייא דעם שפראווניק, דער קלוצוואוויט וואר בייא אים איין בן בית, דען ער איז גיוועזן איין גוטער ריידער, דאס ער האט מוציא גיוועזן דיא גאנצע שטאט דאן מיט פויליש, און האט נאך דער צוא געשפילט איינע פרומע ראלע אין שטאט, דאס ער וואר זייער אפט סאנדיקע, אויך אפאר מאל גיוועזן אראש הקהל, און וואר דער צוא נאך זייער גוט אין מעמד אגרויסער בעל נחלה און אגרויסער בעל פרנסה, און בייא אלעם דעם איז ער גיוועזן דער פארשטייהער פון דיא אלע דארטיגע קיסלער און גנבים, אלע גנבות וואריו בעהאלטין בייא אים, ער איז גיוועזן דער מחלק, דער דין זייערער דער אפמאכער צווישין דעם גנב און דעם באנאנוועטין און וויהע יענעם בעל הבית וואס האט אים פוגע בכבודו גיוועזן, ער וואר שוין ניט זיכער מיט זיינעם פערמעגין און מיט זיין הויז און אויך ניט מיט זיינער פרייהאט, דען ער האט אים באלד אריין גימישט אין אגנבה, ער האט גיהאט בייא זיך אגאנצע קאנצעלאריע, שרייבער, בוכהאלטער קליינע נבאים, דען עס וואר בייא אים אמנין וואס קיינעם אנדערין וואר עס אין יענער צייט ערלויבט, קורץ דער פון ער האט גישפילט איינע עבטע ראבאנישע ראלע, בייא איינער שווערע דין תורה פלעגין בערופין ווערין צוא אים איינינע יונגע לייט פון דיזער באנדע וואס האבין גיקענט גוט לערנען אלס דיינים, און וויא זייא האבין געפאסקעט וואר שוין ניט איבער צוא מאכין אין קיין בית דין שטיביל און אין קיין סאנד *) עס וואר דארט אימער ששון ושמחה, משקה וואר גינאסין דארט וויא וואסער אלע טאג וואר דארט צו זעהען פנים חדשות, מענטשין פון פערשיידענע קלאסין, און עס וואר אימער גענוסעט (געסודעט) און בעראטהען דארט, קורץ גיזאגט עס וואר דארט איינע בערזע, איין געווימעל (געמיש) פון אלער ארט מענטשין וויא אין נח'ס תיבה פון אלער האנד באשעפעניש, וואס זייא אלע וואריו געבענדיגט (בעהערשט) פון דעם איציגם איינציגען בליק וויא דיא ווילדע טהירע פון איינער מענאזעריא **) ווערין געבענדיגט פון זייער הערינס בייזער.

אין

*) דיזער לעבליכער סנהדרין האט זיך צוא אונזער שאנדע איבער געקליבין פון דארט אין איינער גרעסערע שטאט וואס ליגט פיל ווייניגער אלס טויזינד מייל פון דארט, און זאל נאך דארט איצונד אויך עקסעסטירען.

**) איינע מענאזעריא, הייסט איינע גרויסע צאל ווילדע טהירען וואס ווערין אומגעפירט אין קאסטינס מיט אייזערנע גראטעס אום צוא ציינין עס דעם

פובליקום

אין דיזעם הויזע האט אײַנגיקערט אונזער נטקע, און וואר דארט אויפגענומען גיווארין אלס גוטער גאסט. דען דער איצעלע קוצוק האט שוין פון אים גיהערט פון לאנג אן, ער האט אים שוין גיקאנט מיט אלע זיינע ביינער, און וואר אלזוי גאר העכסט ערפרייט דאס ער איז אים אריין גיפאלין אין זיינער קלויען. ערסטינס וויל ער ברויכט צו האבין אזוי אצלען אין זיינעם ראהט וואס האט זין און קאפ, צווייטינס וועט ער אין אים בעקומען איין גוטין איידים פאר זיינע אטאכטער אדערוואקסענע מויד, וואס עס איז אים שווער צוא טאן מיט איר ארעכטין שידוך. דען וויא אויך ער וואר העכסט רעספעקטירט (געשוינט) אין שטאט דאס עס וואר אים גיגעבין כל הכבוד דאך האט קיין רעכטער גיוואלט טאן מיט אים, און מיט גיוואלד קען מען ניט נימאנדען נייטין, נון איז אים אריין גיפאלין אין די הענט איין העכסט בילד שיינער יונגער מענציל וואס איז אוואויל לערנער, העכסט קלוג, און האט נאך דערצו דעם גראסען נאך מער האט ער ביי אים אויס גינומען אלס ער האט אים דערציילט וואס עס האט אים פאסירט אונטער וועגנס, ער האט אים איין גילאדין באלד צום טיש, און האט אים שוין ניט אוועק גילאזין פון זיך ביז ער האט אים אריין גישאדכענט זיינער טאכטער וואס וואר איינע טיכטיגע מויד, שיין און גישייט וויא דער פאטער. זי וואר ביי אים איינע, און דאהער וואר זי ביי אים ליב און טייער, דאס ער האט איר פערשפראכען צוא געבין איין גרויסען נדן, און האבין אלזוי אלע דרייא גיהאט גינוג אורזאך צוא זיין צופרידין איינער פון דעם אנדערין. דער איצעלע קוצוק וויל ער האט באקומען אזוי איין איידים וואס ער האט זיך גאר ניט פאר גישטעלט, איין יונגין מאנציק איין וואויל לערנער מיט געלט און וואס וועט טוהין נאך צוא זיין פרנסה. די טאכטער דאס גליבין וויל זי וואר אזוי גאר פערליבט אין אים, און מער פאר זייא ביידין וואר ער צוא פרידין, דען אויסער דעם וואס ער האט בעקומען אשיינע פרויא אריכע, לעבט ער דאך שוין אין זיינעם עלעמענט *) דאס

הייסט

פובליקום פאר געלט, דיזע ווילדע טהירען ציטערין פאר דעם בליק פון זייער הערין וויא פאר פייער.

*) עס זיינען דא פיר עלעמענטער (ארבע יסודות) ערד, וואסער, לופט, און פייער, און אין יעדין עלעמענט לעבין אלץ איין אנדער מין בעשעפענעס, און יעדער מין געפינט זיך העכסט גליקליך אין זיין עלעמענט וויא דער פיש אין וואסער.





הייסט אונטער גנבים און עס וואר אים דארט אזוי וואויל וויא איינעם פישע אין איינעם קלארען און פרישען וואסער.

## ה.

### -די פאבריקע-.

דער איצעלע קוצוק האט גימאכט איינע פאראדנע הויכצייט, עס גיווארין אלע פארנעהמע לייט געלאדין, עס זיינען אלע גיוועזן און אלע האבין דרשה געשאנק גיגעבין, דער חתן האט גיזאגט אדרשה, און האט אויסגענומען ביי אלע דארטיגע לומדים, נאך דער חתונה איז ער גיזעסין און גילערינט אין בית המדרש אגאנץ יאר, און האט זיך דער ביי געמישט אין דעם שווערס גישעפטין, לערנען מיט גנבות איז אשיינע פאר קליידער וויא איין שאמעטענער מאנטיל מיט אשווארצע און צעריסענעם העמד, און צו אונזער שאנדע איז עס זייער אפט אנצוטרעפין אונטער אונז זעלבסט אין אונזערע צייטין, דען וועמען אונטער אונז ווילט זיך ניט גלענצין אין זיין שטאט, מען וויל זיך צייגין דאס מען איז פיל מער אלס מען שיינט צו זיין, מען בעציט יעדין מאנגיל (פעלער) מיט איינעם פירניס (לאקיר) דאך דיזער גלאזיר איז פון קנאפין דויער, עס שפרינגט באלד אפ און די פעלערין צייגין זיך נאך פיל מער גרעלער (גראזנער) אלס פריער, און אזוי אויך וואר דער פאל דא אויך מיט דעם נטקע'ן, אלס עס האט זיך אם ענדע ארויס געוויזען דייטליך דאס ער איז נאך פיל מער פערדארבין אלס זיין שווער, דען דער איצעלע קוצוק וואר נור איין העלער (דאס הייסט אזוי איינער וואס געמט צוא גנבות און וואס ווייזט אן וועמען צוא באגאנבענען, ער אבער וואר זעלבסט איין דיב אויך אין דעם העכסטין זין דעם ווארטעס דיב (דאס הייסט כמשמעו) וויא מיר ווייסין עס שוין פון פריער נור דאן וואר עס אין מינאטור (אין קליין) איצונד אבער אלס ער האט דורך גימאכט שוין די גאנייבעשע שול ביי זיינעם שווער אין שטוב, האט ער שוין אנגעהייבין צוא טרייבין זיין גאנייבעשין גישעפט אינגרא (אין גרויס), נור כל זמן דיין שווער האט גילעבט דער איציק קוצוק וואס האט נאך גיוואלט גילטען אין זיינער שטאט אלץ פאר איין נכבד, האט זיך דער נטקע אויס געצייכינט נור דורך זיינע שעלמען שטרייכע (שעלמאווסקי שטוקעס), נאך זיינעם טויט אבער איז ער שוין גיווארין האנדגרייפליך (ממש) איין גרויסער

דיב

דיב וואס האט געשטולין בידים, און ווער פיל מאל ערגריפין אין ניזעצט און אנטלאפין, און יעדע גנבה און יעדער בעטרוג ווער פערבונדין מיט גרויסע איינפעלע און וויץ; דאס ער האט גאנץ פוילין און ליטא פערקלונגען מיט אים, און וויא עס ווייזט זיך ארוים פון אלע זיינע אקציין וואס ער האט אפ גיטאן אין זיינעם לעבין איז דייטליך צוא מערקין דאס ער ווער העכסט שטאלץ דארויף דאס דיא וועלט רעט זייער פיל פון זיינע קלוגע שטרייכע (שטוקעס), דען דער גרעסטער טהייל פון זייא ווארין פיל מער וויצינ אלס ניצינ, דאס הייסט זייא ווארין גישעהען נור צום שפאס אבער ניט אום זיך צוא בערייכערען (מאכין זיך רייך דער מיט), און וויא דיא ווארהייט צוא זאגין ווער ער דער ערסטער אין דיזע לענדער וואס האט דיזע פראפעסיאן (פון גנבות) גאנץ זיסטעמאטיש (כסדר נכון) בעארבייט, ער האט איר איין גיטיילט אין פערשיידענע שיטות און קלאסין, און האט אזוי נאך דעם סארטירט דיא גאנצע חברה גנבים וואס האבין פערקערט צוא זיינעם שווער אין שטוב, ער האט יעדערן בעזונדער געמעס (סהאדנע) זיינער פייהיגקייט (ספאסאבנאסטי) אויפגעוויזען אויף איינער ארט גנבה צו וועלכער ער איז מער ספאסאבנע אלס צוא איינער אנדערע, אזוי למשל צוא פערד גנבות האט ער בעשטימט גיזונטע יונגע לייט, וואס זיינען פראסטע יונגען, צוא פון דיא וועגין אראפ נעמען פיל איידעלערע און קלינערע דאס זייא זאלין האבין איין אויסזעהען וויא האלבע האנדילם לייט, צו פון דיא קעסענעס ארוים נעמען פערצין פופצין יאריגע אינגלאך, דיזע ווארין אויך בענוצט אום צוא אריין צוא נאנבעגען זיך אין אשטוב דורך דעם קוימען, שטאלצע מענטשין וואס קענען לערנען און גוט ריידין פויליש און האבין גוטע קעפ אום צוא געבין זיך איין עצה אין דער נויט. און צוא אנדערען וייערע ראלען וויא עס פאסט צוא יעדעם בעטרוג, ווארען בעשטימט פון אים צוא יעדין סעלמענשטריך (סעלמאווסקע שטוקע), מיידכען אונד פרויען ווארען בעשטימט פון אים צום אוים שפיאנירין מאנכע הייזער און הויפין וואס דארפין באגאנבעט ווערין, דאס מען זאל וויסין אויף קלאר וואו עס ליגט דאס געלט, און דער בייא אוועק צו צופין דיא שליכעלאך פון דארט.

צוא דיזער קלאסע פיצירונג (אונטהיילונגען) האט דיזער נטקע נאך איינגעפיהרט בייא זיך איינע גרויסע דיסציפלינע (סטראגאסטי) דאס יעדער זאל פינקטליך ערפילען זיין געבאט, זאל גיין אין דיא גרעסטע געפאר אין





אין פייער און אין וואסער, און זאל ניט אויסגעבין קיינעם צווייטען אלס ער וועט ווערין אמאל ערגריפען און געצייכטיגט (געמאטערט) דאס ער זאל אויסזאגין וואו עס זיינען זיינע גיזעלין, און האט אלזוי אנגעהייבין צוא פיהרען דיזען עסק מיט פיל מער ארדענונג אלס זיין שווינגער פאטר, נון וועלין מיר שוין אנהייבין צוא דער ציילין מאנכע זאכין פון זיינע סעלמענשטרייכע (סעלמאווסקי שטוקעס) און אזוי אויך איין עטוואס פון זיינע גנבעשע וויצען.

אלס ער איז גיווארען בעוואוסט און באקאנט אין גאנץ ליטא פאר דעם גרעסטען פארשטייער אדער רב אלע דיבע (גנבים) און בעטריגער פון דיזען געגענד, האט מען אנגעהייבין צופארין צו אים פון אלע שטעט פון דערפער קרעצמעס אידען און קריסטען פון אלע קאנטין צוא דער גיין בייא אים פאר איין שווערען פדיון גרויסע גנבות. און ער פלעגט זיך לאזין האנדלען זייער לייכט, דאס הייסט ער פלעגט באלד צו פאר שפרעכין דאס מען וועט עס האבין צו ריק אין גאנצין, און פלעגט צוא האלטין ווארט, דאס עס האט קיין פאדים גיפעלט, איין מאל אבער איז איינער גיקומען צו אים דאס זיינע לייט האבין ארוים גינאנבעט בייא אים מער אלס איינע האלבע קראם סחורה, און האט אים גיבאטין הונדערט דוקאטין פדיון, און ער האט אים אפגעזאגט "ניין" האט ער אים גיענטפערט איך קען דיר דער בייא גאר ניט העלפין, דען פאר געווים האבין עס גישטוילען נור דיא זעלנער און ניט מיינע לייטע דען ווען זייא שטוילין לאזין זייא שוין קיינען איינציגען פאדים, און בייא דיר איז דאך גיבליבין בענאהע איינע האלבע קראם סחורה, און איבער דיא זעלנער האב איך נאך דער ווייל ניט צו שאפין.

ציימעגוויים פלעגט ער צו מאכין פון זיינע פערד גנבים ערליכע בעלי עגלות, און פלעגין צו שפילען דער בייא זייער ראלע זייער גוט, מיט דעם אפהיטין דאבנען און תהלים זאגין אונטער וועגענס, און מיט דעם אויך אפשטעלין זיך פרייטאג בעצייטען שבת האלטין און פלעגין בדלות צו שטעלין דיא סוחרים וואס פלעגין מיט זייא צו פארין און נאכהער פלעגט ער עס אפגעבין צו ריק פאר צוואנציג דרייסיג פראצענט און דיא סוחרים האבין גאר ניט גיקאנט קלוג ווערין פון וועמען זייא זיינען גיווארין בעשטולען, דען דיא פורמאנעס ווארין אין זייערע אויגען גאנץ ערליכע אידען.

ANECDOTE 1

נון האט זיך מיט דער צייט דיזער בעטרוג זייער שלעכט ענדעקט אלם

אלס איינער פון דיזען לייטע זיינע וואס האט געפיהרט אין זיין בריצקע אסוחר וואס ער האט אים מיט איינינע שטונדען פריער באנאנגעבעט זיין שעפעס אונ וואס דער סוחר האט נאך דער ווייל ניט געוואוסט דער פון איז אנגעהאלטען געווארין פון איינעם פריץ וואס האט אין זיינע פערד דערקענט זיין פארעצקע וואס מען האט פאר אפאר חדשים צוריק גינאנגבעט ביא אים, ער וואר ערגריפין, רעווידירט, אונ מען האט ביא אים דער וויסט אזעקיל רובל וואס ער האט ארויס גענומען פון דעם סוחרים שעפעס, אונ עס איז געווארין לארעם איבער לארעם מען האט דעם בעל עגלה באלד איינגיזעצט אונ אפגעגאלט איין האלבע קאפ אין יענער צייט גראדע וואר אונזער ר׳ נטעלע בעשעפטיגט גיוועזן אונטער וועגנס אין אקרעצמע ארום איינעם קריסטליכען שאפער פון אגרויסין קלויסטער וואס האט געפירט מיט זיך אסקאטולקע מיט דוקאטין, ער (דער נטעלע) וואר דאן פערקליידעט וויא איין שנארער אין אפארוק פון קאלטענעס, אונ אלס ער האט עס שוין בעקומען אונ איז דער מיט אוועק, האט ער דעם פארוק מיט די שלעפארסקע קליידער פון זיך ארונטער געווארפין אונ אוועק געשליידערט איבער דעם גראבין וואס איז ביא דער זייט פון וועג, דאמיט מען זאל עס ביא אים ניט דער וויסען אין פאל ווען דער שאפער וועט זיך באלד ארום זעהען אום דיזער גרויסע גנבה אונ וועט אים אן יאגין, אונ האט זיך באלד אומגעקליידעט פאר איינעם דייכין קויפמאן, אונ האט זיך דאן אריין גיזעצט אין דער בריצקע וואס האט אויף אים גיווארט פאר אפאר ווייארסט אין <אחמיזניק> אונ האט זיך גישטעלט פיטערין אין אקרעצמע וואס וואר אויף אזייטין וועגיל לעבין אפאראפיע וואס דארט וואר דאס הויפט קווארטיר פון דעם אסעסאר וואס האט גיהאט זיין נאדזאר איבער דיזען בעצירק (אקרעסטנאכט) וואס עס האט צוא אים גיהערט אויך די קרעצמע וואו דער שאפער איז גיווארין בעשטוילען, אונ וואס דער נטקע וואר מיט אים בעפריינדעט פיל מער אלס צוויא ברידער פון אונזער נייע וועלט, קוים האט זיך אונזער העלד פון אונזער געשיכטע (דער נטקע) איין עטוואס אויס גירוט אונ האט אנגעהייבין צוא צערטעלען (נאנצען) די סקאטולקע מיט די דוקאטען אין זיינע ארעמס פיל מער נאך אלס איינע ביזהעריגע עקרה איר קוים גיבארענעם ערסטלינג, האט ער דער זעהען דורך דעם פענסטער פון דעם קאמערעל וואו ער איז איינגעשטאנען, דאס מען פירט געבונדענערהייט די העננט אהינטער יענעם חברה מאן זיינעם וואס האט אין דעם טאג





גישפילט די ראלע פון אבעל עגלה אנגיטאן אין זיינעם קאלטענעוואטין פארוק אונ אין די שלעפארסקע קליידער וואס ער האט דא ניט לאנג אראפ געשמיסען פון זיך, ער זיצט אין אוואגין באוואכט פון עטליכע <פאחאלקעס> אונ הינטין פארט נאך דער בעשטוילענער שאפער מיט אקלוצוואוויט וואס וואר אויך ניט פרעמד מיט אים ער האט עס דער זעהען אונ האט זיך אין אנפאנג ניט גיקענט גינוג אפוואונדערין דאריבער, דען ער האט געוואוסט דאס ער זיצט נאר פאר אמייל אכט פון דאנען נור פאר די גנבה פון דעם סוחר אונ פאר די פערד, נון וויא אזוי איז ער איצונד זאמישאעט אין דער דיעלע פון דער סקאטולקע אונ דער צו נאך אין זיינעם פארוק אונ אין זיינע שלעפארסקע קליידער, דאך אבער נאך איינער קורצין אונ רייפליכען (צייטיגען) איבער לייגונג (דען וויא מיר ווייסין וואר ער ניט קראנק אויף דעם שכל) איז ער באלד ארויף גיקומען אויף די ווירקליכע קאמבינאציאן (צוזאמענהעקלונג) פון דיזער געשיכטע אונ האט עס ריכטיג אויס גירעכינט גלייך וויא ער וואלט גיוועזן דער ביא, דאס דיזער חברה מאן זיינער איז אנטלאפין פון זיינער האפט (געפיינגעניס), אונ אויס פורכט דאס מען זאל אים ניט אניאגין אונ ערגרייפין איז ער גילאפין אלין פאזע וועג דורך חמיזנקעס וואס ציהען זיך אויף יענע זייטין גראבענס, ביז ער האט אנגעטראפין אן דיזען וועקגעווארפענעם אוביאר, וואס וואר אים וויא געראפין צוא דיזער געפערליכע פלוכט זיינע (ענטלויפונג), אונ האט אלזוי מיט דער פארעקע פאר דעקט זיין האלב אפגעגאלטין קאפ, אונ מיט די שלעפארסקע קליידער זיינעם נאקעטין קערפער אום זיך אונקענטליך צו מאכין פאר זיינע נאכיאגער אונ אזוי פאר אנדערע וואס וועלין אים בעגעגנען, דען איין האלב אפגעגאלטער קאפ איז איין שרייענדער בעווייז דאס ער איז איין ביעגלער אונ וואלט אזוי ערגריפען ווערען פון דעם ערשטין בעסטין קלוצוואויט וואס וואלט אים נור דער זעהען, אונ גראדע דיזעס האט אנגעצוגען אויף אים דעם פערדאכט (חשד) אונ נאך מער אלס פערדאכט, איינע געוויסהייט אזוי גאר וויל איך זאגין ביא דעם שאפער וואס האט אים באלד וויא ער האט זיך ארום גיזעהען דאס ער איז בעשטוילען גיווארין האט ער אים (דעם נטקען) נאכגעיאגט מיט <דעשאטניקעס> אונ האט אים (דיזען פערד גנב) אנגענומען פאר דעם עכטען דיב וואס האט געשטוילען ביא אים די סקאטולקע, נור אויס דיזעם גרונד דאס ער האט אויסגיזעהען מיט זיינע האר אונ שלעפארסקע

קליידער פונקט ווי יענער שנארער וואס האט זיך דארט אין קרעצמע ארום געדרייט ארום די סקאטולקע, אזוי האט ער בעטראכט (דער נטע גנב) און אזוי וואר עס ווירקליך, און אלס ער איז געווארען מיט זיינער רעכענונג איינג (דאס הייסט אלס ער האט זיך באקלערט דאס דאס איז אזוי און ניט אנדערש) האט ער די סקאטולקע בעהאלטען אונטער איינעם שטאג היא וואס וואר דער ביי און אליין האט ער זיך אנגעצויגען ווי איין געמער קויפמאן מיט איינעם טייערען זייגער אין דער טאשע, און איז אריין צו דעם אסעסער אין שטוב, מיט איינעם פאלשען אוים רייד צום ביי שפיל צו מעלדען ביי אים דעם פאס, אין דער וואהרהייט אבער אום ביי צו וואוינען די שלעדסטווא וואס ער וועט דארט מאכען וועגען די סקאטולקע צווישען זיינעם חברעניק און דעם שאפער, און אום צו געבען איר (דער סלעדסטווא) איינעם גוטען קערונג (ווענדונג), דאס דער פערד גנב זאל ווערען לויז, דער אסעסער האט אנגענומען דעם נטקען מיט גרויס סאנאוויינע, און מיט גרויס עהרע, האט אים געבעטען זיצען, און ווארטען אווייליע ביז ער וועט ענדען די שלעדסטווא. דען ער האט וואס צו ריידען מיט אים וועגען איינער קאמערציסקע זאכע, און מער ווי דיזעם האט דער נטקע ניט געוואונשען, די סלעדסטווא וואר קורץ און בינדיג, און האט זיך געענדעט נאך דעם וואונש פון נטקען, דאס דער פערד גנב איז געווארען לויז געשפראכען, און נור דורך דעם איינציגען גוטען איינפאל פון דעם נטע גנב, וואס האט דעם שאפער און די צוויי סאטניקעס וואס האבען עדות געזאגט דאס נור ער (דער פערד גנב) און קיין אנדער האט זיך אלץ געדרייט אום די סקאטולקע, געמאכט גאנץ קאנפוז (צומישט די הבנה) דען אלץ דיזע (דער שאפער און די עדות) האבען זיך בעצוינגען (ארנאמעט) נור אויף די קאלטענוואטע פארוקע און אויף די שלעפארסקע קליידער, דאס זיי זיינען די געמליכע וואס ער האט דאן דארט אין קרעצמע געטראגען אלס ער האט זיך געדרייט ארום די סקאטולקע, האט ער זיי גלייך איינגעווענדעט דער מיט, דאס מען קען ניט אמענטשען פערמישפעטען נור דורך די פרימעטעס, און פארעם פון זיינע קליידער שטיקען אליין ניט קענענדיג דייטליך די פערזאן זעלבסט, זאנסט ווען איין אנדערער וועט זיי אנטאן וועט מען אים בעשולדיגען, און האט געמאכט אפראבע מיט זיך זעלבסט פאר זיי אין די אויגען, דען באלד ווי ער האט אן געטאן דעם פארוק מיט יענע





שלעפארסקע קליידער האבען זיי שוין אלע דריי אן געהויבען צו שווערען זיך דאס ער איז עס וואס האט זיך דארט געדרייט ארום די שקאטולקע און דאן האט זיך דער אסעסער און דער קלוצוואויט זייער שטארק פון איינאנדער געלאכט, און האבען דעם שאפער מיט די עדות זייער גוט אויס געזידעלט וואס זיי פאלען אן אויף מענטשען וואס זיי קענען זיי ניט און מאכען זיי פאר גנבים, זעלבסט איינעם גרויסען קויפמאן, וואס איז איין וועלט בעקאנטער ערליכער מאן, און האט אלזוי דעם פערד גנב בעפרייט אויף דער שטעלע, דער אסעסער מיט דעם נטקען און מיט דעם קלוצוואויט זיינען פערבליבען דארט איבער נאכט ביי קארטען און ביי משקה, און דער שאפער איז אוועק צו ריק מיט דעם בייץ ווי א נאר אן אשקאטולקע און אן שכל. עס האט דאן פערקלונגען גאנץ ליטא דער מיט, און נאך מעהר די קעשענעס פון דיזעם וועלט דיב נטע גנב.

## ו.

### "דער טויער וועכטער".

פיל מעהר איינפעליגער און וויציגער וואר זיין שעלמענשטרייך (שטוקע) מיט אפאר שטיוועל וואס ער האט אפ געטאן דא אין ווילנא, אין עטליכע יאר ארום נאך זיין חתונה, פאר זיינעם אנטלויפען פון איר אלס בייעגלער רעסטאנט פון איר אסטראג וואס ער איז דארט געזעסען איין רונדעס יאר, דיזע געשיכטע וואר דאן אזוי מיט אהלב יאר צוריק האט ער בעשטוילען אויף האראשער אדער אראשער יריד איינעם פוילישען זילבער און גאלד הענדלער אויף אטאלער דרייסיג טויזינד, און דיזער דיב שטאל (גנבה) איז געשעהען ניט אויף איינער געמיינער ארט און ווייזע (אופן) ווי געמיינע דיבע (גנבים) טוען, גיין גאנץ זיסטעמיש (מסודר) נאך דער נייע שיטה זיינע וואס ער האט מחדש געוועזין (אויפגיטאן) אין דעם ענין פון גנבה דאס יעדע גנבה זאל ווירצען שמעקין מיט וויץ און האבין איין קאמערציסקען אנשטריך (פערבונג) פון אנפאנג ביז ענדע.

אונזער העלד פון אונזער געשיכטע (דער נטלע) איז געקומען אויף דיזען יריד פערקליידעט ווי איין רייכער און לייטעשער קויפמאן וואס מאכט געלענצענדע געשעפטען און האט געגעבין צו לייזען אין פערשיידענע בודען פאר אזעלכע געגענשטענדע (פרעדמעטען) וואס איין יעדער רייכער

קױפְמַאן קױפְט עֶס אַיין פַאר זַיין הַײזְלִיכֶען בֶּעדַארְף (גִיבְרױךְ) נור (אוּנ
נִיט אַלְס מִסְחָר) מִיט אֵײנֶעם גוּטֶען פְּרַײז, אוּנ וַואר אַלְזױ אַגוּטֶער נַאסְט
וואו עֶר הָאט נוּר אַײנְגִיקֶערְט, אַם װיִלְקָאמֶעסְטֶען אָבֶּער וַואר עֶר אִין דֶער
בּוּד פוּן דֶעם זִילְבֶּער אוּנ גָאלְד הֶענְדְלֶער. עֶרְסְטֶענְס וַוייל עֶר פְּלֶעגְט
צוּ גֶעבִּין זַײעֶר אָפְּט צוּ לַײזֶען, צְוַײטֶענְס פְּלֶעגְט עֶר זִיךְ בֶּעשְׁפְּרֶעכֶען
מִיט אִים זַײעֶר קְלוּג אִיבֶּער קָאמֶערְצֶע, הָאט אִים פָאר גֶעשְׁלָאגֶען דָאס
עֶר זָאל אֵײנֶע בּוּד אױפְשְׁלָאגִין אִין נִישְׁוױז וָואס וַואר דַאן דִיא רֶעזִידֶענְץ
פוּן דֶעם רַאדְזֶעוִויל, אוּנ וָואס נָאךְ אִיז לִיבֶּער אֵײנֶעם קױפְמַאן אַלְס ווִיא
צוּ בֶּעשְׁפְּרֶעכֶען זִיךְ אִיבֶּער קָאמֶערְצֶע, דְרִיטֶענְס פְּלֶעגְט עֶר זַײעֶר אָפְּט
הִיסֶען אַרַיין טְרָאגִין אַבּוּטֶעלֶע פָּארְטֶער אָדֶער אַבּוּטֶעלֶע קָאװְנֶער לִיפֶּעץ
דֶער וַוײלֶע הָאט זִיךְ אָנְגֶעהַײבֶּען בִּיסְלֶעכְוַויים צוּ פַאר פַאלִין וֶוערִין דָאס
אַיין זִילְבֶּענֶער בֶּעכֶער, דָאס אַנָאלְדֶענֶע קִיטֶעל. אוּנ גְרַאדֶע נִיט אִין
דֶער צַייט וָואס דֶער נטע אִיז דָארְט גִיוֶועזִין, עַל פִּי רוֹב מִיט אַפָּאר טֶעג
פְרִיעֶר אָדֶער שְׁפֶּעטֶער, אוּנ דַאהֶער לֹא דַי וָואס דֶער גָאלְד הֶענְדְלֶער
הָאט אױף דֶעם נאטען נִיט גִיקָאנְט הָאבִּין דֶעם מִינְדֶעסְטֶען פַאר דַאכְט
דָאס עֶר זָאל זַיין אִין שְׁפִּיל הָאט עֶר נָאךְ גִיקְלָאגְט זַיין נוֹיט פַאר אִים,
דָאס עֶר וֶוערְט זַײעֶר אָפְּט בֶּעשְׁטוֹילִין אוּנ וַוײס זִיךְ נִיט ווִיא אַיין צוּ הִיטִין
אוּנ עֶר דֶער נטע פְּלֶעגְט אִים דֶער בַּייא הֶעכְסְט בֶּעדוֹיעֶרִין אוּנ צוּ גְלַייךְ
הָארְגֶען צוּא זַיין אױף דֶער הִיט (אַסְטַארָאזְנָא) אוּנ דֶער צוּא אִים נָאךְ דֶער
צֵיילִין פִיל אַנֶעקְדָאטִין (גֶעשִׁיכְטְלַאךְ) וָואס עֶס הָאט אִים פַּאסִירְט אוּנ
אַנְדֶערֶע הֶענְדְלֶער אוּנ אִיבֶּער הױפְּט גֶעלַאנְטֶערִיא קְרֶעמֶער, דָאס אַם
עֶנְדֶע אִיז מֶען נִיקוּמֶען אױף דֶעם שְׁפּוּר (סְלַאד) דָאס נוּר פָארְנֶעהְמֶע
דַאמֶען הָאבִּין עֶס אַװעֶק גִימוֹיזֶעט (גֶעשְׁטוֹילִין), אוּנ דֶער צוּא נָאךְ וַואר
וִוינְד אוּנ וַוייהֶע דֶעם קְרֶעמֶער וָואס וַואר אוּנְקְלוּג צוּא עֶרְגְרַייפִין זַייא בַּייא
דֶער הַאנְד, דֶען עֶר וַואר פֶערְאוּרְטְהֵײלְט (פֶער מִשְׁפָּט) אױף אַיין יָאר
פֶעסְטוּנְג פַאר וָואס עֶר הָאט בֶּעלֵײדִיגְט אַזױ אֵײנֶע גְרױסֶע פֶּערְזָאן
"מֶען מוּז מִיט דִיזֶען לַייטִין" הָאט עֶר אִים גֶערַאטְהֶען פִיל אֵײדֶעלֶער זִיךְ
בֶּעגֵיין אַלְס מִיט דֶעם גֶעמֵיינֶען דִיבֶּען, מֶען בְּרוֹיכְט זַייא נִיט אָנְצוּגְרַייפִין
פַאר דֶער הַאנְט, אוּנ מַאכִין אִיר אַיין פְּרָאצֶעס, גֵיין מֶען דַארְף מֶער
נִיט ווִיא צוּא זָאגִין אַלְס זַיא אִיז שׁוֹין אִין בֶּעגְרִיף אַרוֹיס צוּא גֵיין פוּן קְרָאם
מִיט דֶער גֶעשְׁטוֹילֶענֶע וַוארֶע, מַאדַאמֶע! פֶערְצַייהֶען זַייא, זַייא הָאבִּין
זִיךְ פֶערְגֶעסִין צוּא בֶּעצָאלִין, אָדֶער אִיךְ קֶען פַאר דִיזֶען פְּרַייז נִיט לַאסֶען
דַאן וֶועלִין זַייא אֵײנֶעם פוּן דִיא בֵּיידִין הָאבִּין אָדֶער דָאס גֶעלְט אָדֶער דִיא





וַוארֶע, אוּנ דַאן לָאזִין זַייא אִיר גֵיין אִין גָאטֶעס נָאמֶען אוּנ פוּן וָואס בִּיז
אַהֶער וַואר זָאלִין זַייא קֵיין וָוארְט שְׁפְּרֶעכֶען, אִין פַאל וֶוען אַייעֶרֶע
פְּרַייהֶעט אִיז אַייךְ לִיבּ. דִיזֶע רֵייד אִיז הֶעכְסְט גִיפֶעלִין גִיוָוארִין דֶעם גָאלְד
הֶענְדְלֶער אוּנ הָאט אִים הֶעכְסְט גִידַאנְקְט פַאר דִיזֶע גָאלְדֶענֶע לֶערֶע, דֶען
עֶר הָאט שׁוֹין מֶער אַלְס אַיין מָאל גִינוּג גִילִיטִין דֶער פוּן.

אוּנ בַּייא אַלֶעם דֶעם וַוארִין אַלֶע דִיזֶע קְלֵיינֶע גְנֵבוֹת וָואס אִיז
גִישֶׁעהֶען דָא בַּייא דֶעם גָאלְד הֶענְדְלֶער נוּר אַיין וֶוערְק נטעס אַלְס אֵיינֶע
פָארֶערֶע (הַקְדָמָה) צוּא אֵיינֶער הױפְּט גְנֵבָה וָואס עֶר זֶעלְבְּסְט הָאט עֶס
בַּאלְד נָאךְ דֶעם בַּאוֶוערְקְשְׁטֶעלִיג (אוֹיס גֶעפִירְט) בַּייא דֶעם גָאלְד הֶענְדְלֶער
אִין קְרָאם, דִיא בִּיזְהֶערִיגֶע קְלֵיינֶע גְנֵבוֹת אָבֶּער זַיינֶען גִישֶׁעהֶען נוּר
מִיטֶעל בַּאר (סְרֶעדְסְטְוֶוענֶע) דוּרְךְ זַיינֶעם אַמִיט שְׁפִּילֶער (הֶעלְפֶער) אַבָּחוּר
פוּן אַיָאר צְוַואנְצִיג אַפַּיינֶער יוּנְג וָואס פְּלֶעגְט זִיךְ פֶערְקְלֵיידִין אַמָאל פַאר
אַקְנֶעכְטִיל אַמָאל פַאר אַיין לָאקַייא אַלֶע מָאל אִין אֵיינֶעם אַנְדֶערִין אוּבִיאר
וָואס פְּלֶעגְט זִיךְ אַרַיין שְׁלֶעפִּין אִין קְרָאם נָאךְ אַגְרוֹיסִין הֶערִין אָדֶער
נָאךְ אַגְרוֹיסֶע דַאמֶע אַלְס בֶּעדִינְטֶער אוּנ פְּלֶעגְט צוּ צוּפִּין זַייעֶר גִישְׁווִינְט
וָואס עֶס הָאט זִיךְ אִים נוּר פַאפַאזֶעט אִין הַאנְד, אוּנ פְּלֶעגְט בַּאלְד וֶוערִין
פֶערְשְׁווִינְדֶען.

אַם עֶנְדֶע אַלְס דֶער גָאלְד הֶענְדְלֶער הָאט שׁוֹין אַיין גְרוֹיסִין טֵייל פוּן
זַיינֶע וַוארֶע אַיין גִיפַּאקְט אִין טַאקְטוּרֶענֶע קֶעסְטְלַאךְ, דֶען דֶער יָרִיד
הָאט זִיךְ שׁוֹין גִידַארְפְט נָאךְ אִין אֵיינִיגֶע טֶעג עֶנְדֶען. הָאט דֶער נטע
דֶערְצֵיילְט דֶעם גָאלְד הֶענְדְלֶער דָאס עֶר אִיז גִישְׁטַאנֶען דֶער בַּייא וִויא
מֶען הָאט אֵיינֶעם קְנֶעכְטִיל דֶער חַאפְּט אִין אֵיינֶער גַלַאנְטֶערִיא קְרָאם
צוּא צוּפֶּענְדִיק אַגַאנְצֶע שַׁאכְטֶעלֶע אֵיינְגֶעלְשֶׁע מֶעסֶערְלַאךְ, עֶר אָבֶּער
הָאט זִיךְ לוֹיז גֶערִיסֶען אוּנ אַנְטְלָאפִין גֶעוָוארֶען, אוּנ דָאס אִים דוּכְט זִיךְ
דָאס עֶר הָאט אִים גִיזֶעהֶען אַיין מָאל דָא אוֹיךְ עֶר אִיז אַיין בְּלָאנְדִין מִיט
אֵיינֶער אַיינְגֶעבּוֹיגֶענֶע נַאזֶע, דֶעם גָאלְד הֶענְדְלֶער אִיז דִיזֶע בֶּעמֶערְקוּנְג
אַרַיין זַייעֶר וַוייט אִין דֶער נַאזֶע אוּנ הָאט זִיךְ דֶער מָאנְט דָאס עֶר וַואר
וִוירְקְלִיךְ בַּייא אִים אִין קְרָאם אוּנ מֶער אַלְס אַיין מָאל. אוּנ הָאט זִיךְ
גֶעווּאוּנְשֶׁען דָאס עֶר זָאל נָאךְ אַמָאל פַאר זַיין אַוֶועק פָארִין אַיינְקֶערִין צוּ
אִים "אָ"! הָאט עֶר גִיזָאגְט מַאכֶענְדִיג פוּן זַיינֶע פִינְגֶער אַיין שְׁטַארְקִין
פוּיסְט, דַאן וָואלְט אִיךְ אִים שׁוֹין בֶּעסֶער גֶעפַּאקְט (אָנְגְרִיפֶען) אַלְס יֶענֶער
גַלַאנְטֶערִיא הֶענְדְלֶער, עֶר וָואלְט זִיךְ נִיט לוֹיז גֶערִיסֶען פוּן מַיינֶע הֶענְד,
"אַיי"! דָאס אִיז שׁוֹין נִיט צוּא הָאפִין הָאט זִיךְ אָפְּגֶערוּפִין דֶער נטע דִיזֶע

לייטע זייגען צוא פיפיג. אום איין צוא שפרעכען אין אזוי איין ארט וואז מען ערוואַרטעט זייא «איי»! זאגט עס ניט האט זיך אפגערופען דער גאלד הענדלער גראדע פארקערט איך האפע דאס ער וועט מיך נאך איין מאל בעזוכען פאר מיינעם אוועק פארין, דען דיזע לייטע מאכען זייער הויפט שפעקטאקעל אם ענדע דעם יאר מארקעס אונ גראדע דאן ווערין זייא ערטאפט איך ווייס עס אוים איינע פראקטיק ניט דעם ערסטין מאל בין איך אויף אידיד, «מעגליך» האט זיך דער נטע אפגערופען, אונ איז זיך אוועק פון אים זייער פריינדליך, מיט דעם פערשפרעכען צוא בעזוכען אים מארגין ווידער, אונ האט ווארט גיהאלטין, ער האט דער וויסט דארט נור דעם גאלד הענדלער מיט זיינעם האנדילס דינער אליין בעשעפטיגענד זיך מיט דעם איינפאקען שוין דיא לעצטע ווארע, עס האר שוין ניט מער איין קונד, דען עס וואר שוין וויא צוא זאגין נאך דעם ירידי, זייא האבין אים אנגינומען פאר איין גוטין גאסט, דער גאלד הענדלער האט אים בעווירטהעט (מכבד גיוועזן) מיט אפייף טאבאק, אונ ער (נטע) האט ארוים גינומען איין הארטין טאלער אונ האט גיגעבין דעם האנדעלס דינער דאס ער זאל ברייגגען איינע בוטעלע פארטער מיט אפונט האלענדעשע קעז, איך פאר היינט אוועק האט ער צוא זייא גיזאגט נון נאוואיעזדע ווערין מיר טרינקען אגלאז פארטער אונ וועל זיך מיט אייך שוין זעגנען, אונ איינע צווייטע בוטעלע וועל איך שטעלין, האט זיך אפגערופין דער גאלד הענדלער, אונ האט דער לייגט אויך אטאלער. — קוים איז דער האנדילס דינער ארוים פון קראם האט זיך ארין געוויזען אין טיר דער זעלביגער קנעכטיל מיט דעם אויסרייד דאס זיין הער גראף קסינעצקע האט אים געהייסין דא ווארטין אויף אים דען ער וועט דא באלד קומען אום צוא קויפין איין גאלדענע קייטע, ער האט גיהאלטין אפעקיל אונטער דעם ארעם אונ איז געבליבין שטיין אין טיר מיט דעם געזיכט דרויסען גיקערט, קוים האט אים דער נטע דער זעהען האט ער דעם גאלד הענדלער גיטאן אוואונק אונ צוא גלייך איינגעראמט אין אויער דאס דאס איז דער קנעכטיל וואס ער האט אים געסטערין דערציילט פון אים, אונ דער גאלד הענדלער האט אים שוין דאן אויך ערקענט דאס ער איז גיוועזן בייא אים שוין עטליכע מאל אין קראם, אונ אלע מאל נאך זיינעם זיין בייא אים, וואר פארשוואונדין אבעכער, אגאלדענע קייטעלע אונ דאס גלייכין, אונ אלס ער (דער גאלד הענדלער) וואר שוין אויף דעם שפרונג אים אנצוגרייפין, האט דער קנעכטיל זיך גימאכט





דאס ער איז צוא שראקין, אונ האט אנגעהייבין צו צאפּענען מיט גרויסע טריט, אונ נאכהער צוא לייפין, אונ דער גאלד הענדלער נאך אים, אונ אלס זייא וואַרין שוין ביידע איינע גרויסע אונ ווייטע שטרעקע פון קראם איז אונטער געלאפין איין איינגעשפאנטער וועגיל צום קראם אונ אונזער ר׳ נטעלע האט צוגענומען אפאר שאכטעלען מיט גאלד וואַרק האט זיך אריין גיזעצט אין וועגיל אונ איז אוועק איבער אלע בערג, אונ אונזער גאלד הענדלער וואס וואר איין פולער מענטש איז גיקומען צוריק גאנץ אליין העכסט פארשאפעט, דען דער באנדיט וואס וואר פיל פלינקער פאר אים האט זיך פערלארין צווישין איינע גרויסע גרופּע (מאסע) פון מענטשין אונ האט צוא זיינעם לייד וועזען (קריינקונג) שוין ניט דער וויסט דעם נטקע׳ן מיט די צווייא שאכטלען גאלד ווארק, אונ האט אויסגעלאזין זיין שווער הארץ צוא דעם האנדילס דינער וואס איז באלד דארויף געקומען מיט דיא צווייא בוטעלען פארטער אונ באלד נאך דעם דונער איז גיקומען דער רעגין דען ער האט אוים גרוים צארין צובראכין ביידע בוטעלען אן דער וואנד אונ עס וואַרין בעשפריצט מיט דעם פארטער הער אונ דינער. נון פערשטייט זיך שוין פון זעלבסט דאס דיזע צוזאמען העקלונג וואס מער אלס בלויזער צופאל, עס וואר שוין פון פארהער אזו פעראבגערעט גיוואַרין צווישין דעם נטען אונ צווישין דעם שפיצבוב וואס וואר מיט אים אין שפיל, דאס ער זאל ערשיינען צו דער רעכטע טעמפא (צייט), אונ אזוי אויך מיט דעם פורמאן וואס וואר אויך איינער פון זיינע קאלעגין, אונ עס האט זייא געלונגען (געגליקט). דאך דיזעס גליק האט דעם נטקען גיקאסטעט אין פערלויף פון אייניגע מאנאטין נאכהער איין גאנצעס יאר פרייהייט אונ האט נאך דער בייא שיר זיין לעבין פערלארין וויא מיר וועלין דא עס באלד בעשרייבין.

אין פיר מאנאטין ארום איז גיוואַרין ווייטער גרויסע אונרוהען אין דיזע גובערניעם, פיאטער דער גרויסער האט דאן דורך מארשירט מיט זיינע ארמייען דורך איר (ליטא) געגין קארלען דעם 12 טען קיניג פון שוועדען אונ אלע גרויסע פולישע מאגנאטען האבין זיך דאן צוזאמען געקליבען קיין ווילנא אויף אסיים (סעסיאן) אלזוי וואר אים (דעם נטען) דאן ווילנא איין גוטער סטאוו צוא פישען (פיש צו פאנגען) דאס הייסט אום דארט צוא שטוילין אונ צו בעטריגין, אונ איז אהין אוועק פערקליידעט אלס אידישער קויפמאן, אין יענע צייטין וואר ווילנא ארום גענומען מיט איינעם הויכין מויער אדער וואל וואס האט אין זיך גיהאט נור פיר בראמען מיט

אייזערנע טויערן, וואס אין פרידענס צייטין פלעגין צוגעשלאסין ווערען אלע נאכט ארום צעהען דעם זייגער, איצונד אבער וואס וואר קריגסצייט אונ גרויסע אונרוהען אין לאנדע האט מען צו גימאכט דיא בראמען נאך זעקס דעם זייגער אונ עס וואר נימאנד דער נאך אריין גילאזין אדער ארויס גילאזין, אונ אין דעם טאג וואס נטע האט גיוואלט אריין קומען קיין ווילנא וואר גיוועזין צו הערין ביי דיא אלע וואס האבין געוואוינט אחורי שער*) דאס ווילנא וועט זיך צו שליסען אויף איין גאנצין מאנאט, אונ דאהער האט זיך אונזער נטעלע העכסט בעאיילט אום צוא קומען וואס בעצייטענער קיין ווילנא בעפאר זייא מאכין צוא איבער דיא גאנצע צייט פון דעם סיים, וואס איז ביי אים אלע מאל דיא רעכטע שנית צייט בפרט איצונד וואס עס זיינען צוא זאמען גיפארין אלע פוילישע מאגנאטין וואס וואו ער וועט זיך נור קערין אונ ווענדין איז דא אקעסענע וואו אהאנט אריין צוא שטעקין אום אנצונעמען איין הויפען געלד, צוא זיינעם אונגליק אבער וויא אויך ער האט זיך בעאיילט איז ער שוין גיקומען נאך זעקס דעם זייגער אונ דער טויער פון צעקהויז דורך וועלכין ער האט גידארפט אריין גיין וואר שוין צוא געשלאסין, אבער אונזער דיבען פירשט (דער נטע) וואס האט גיהאט איין דיטריך (דאס הייסט אזוי אשליסעל וואס קומט צוא צוא אלע שלעסער) האט אים ניט גיפעלט אשליסיל אויך צוא דיזעם טויער, אונ דיזער שליסיל וואר קיין אנדערער אלס געלט, ער האט גיווארט ביז עס איז גיווארין רעכט פינסטער, אונ דאן האט ער אנגעקלאפט אין דעם קליינעם שפרעך פענסטער וואס וואר אין טויער וואס לעבין אים אויף יענער זייט פלעגט אימער צושטיין דער טויער וועכטער מיט דעם טויער שליסיל אין האנד אום צו עפענען דעם טויער פאר אזוי אפערזאן וואס האט אים גיצייגט דאס זיא איז גיקומען מיט דעפעשין (שטעפעטין) אלס פעלד יעגער אונ דאס גלייכין, ער האט אנגעקלאפט, אונ דער שליסער (דער וועכטער) האט באלד אויפגימאכט דעם שפרעך פענסטער, אונ אלס ער האט דער זעהען דעם נטקען איז ער גיווארין זייער בייז, האט אים זייער גוט אויסגעשימפט (אויס גערונייעט), אונ האט אויסגעלאזין מיט דעם געוואוינליכען פזמון

אוועק

*) עס לעבין נאך ביי אונז אין ווילנא נאך פילע מענטשין וואס זייער פאמיליען נאמען הייסט א"ש וואס דיזעס איז נור איין ראשי תיבות פון אחורי שער, דאס הייסט זייערע עלטערין האבין געוואוינט ארום דעם וואל חוץ לעיר.





אוועק צום טייוויל דוא פערפלוכטער יודע, אונ האט גיוואלט דעם פענסטעריל ווידער צומאכין. דער נטע אבער האט עס ניט דער לאזין אונ האט אים באלד אנגעבאטין איין טוצענד דוקאטין, דיזער אנבאט האט אים באלד בעזענפטיגט (בערוהיגט) וויא איין לינדערענדעס אייל דעם בעווענטין אונ שטירמישין מעער*) האט זיך אריין גילאזין מיט אים אין איינעם געלינדען גישפרעך, אונ האט זיך אם ענדע גילאזט האנדלען פאר פופצין דוקאטין, אונ האט אים אריין גילאזין. נון פערשטייט זיך דאס דער טויער וועכטער האט זיך גיוואונשין ביי זיינעם אריינלאזען אים שוין אין בראם דאס ער (דער נטע) זאל שוין זיין פאר טויזינד מייל פון דאנען, דאס הייסט דאס ער זאל וואס צומגיכסטין אוועק אין שטאט דאמיט עס זאל אים ניט אנטרעפין דער קאמענדאט וואס קומט צוויא מאל אין דער נאכט צוא בעזעהען דיא בראמען, אונ אזוי אויך דער דיזורנער אפיציר, אונ האט צוא אים גיזאגט «פרעץ»! אונ דער נטעלע אבער וואס האט גיוואלט צוריק בעקומען זיינע דוקאטען פון דעם טויער וועכטער, האט קליימערסט געפאלגט אונ האט אנגעהייבין צוא לויפין אין שטאט, ער האט זיך אבער באלד אומגיקערט מיט דעם אויסרייד דאס ער האט פערגעסין אויף דעם באנק וואס איז אין יענער זייט טויער זיין טלית אונ תפילין אונ האט אים גיבעטין רחמים דאס ער זאל אים עס אריין נעמין אן דעם קען ער גאר ניט אריין גיין אין שטאט, דער טויער וועכטער וואס האט גיוואלט לויז ווערין פון אים וואס צום גיכסטין, האט אפגעשלאסען דעם טויער וואס צום גיכסטען אונ איז ארויס אויף יענער זייט אום עס אריין צוברייגען וואס ער האט ניט פערגעסען, אונ האט גילאזט שטעקין דעם שליסעל אין טויער, קוים אבער איז ער ארויס האט דער נטע צוגישלאסין דעם טויער פון איגווייניג אונ האט אים גאנץ אונפערשעמט גיזאגט דאס ער וועט אים ניט אריין לאזין אין בראם וואו ער וועט אים ניט אפגעבין זיינע דוקאטין צוריק, דער טויער וועכטער וואס האט זייער גוט פערשטאנען זיינע מיסליכע לאגע דאס ער שפילט דא מיט זיינעם לעבין האט ער עס וויא אויך ניט ווילינדיג אבגישטעקט צוריק אונ דער נטלע וואס וואר מער באזארגט וועגין זיך דאס ער זאל אים ניט

צוריק

*) עס וואר פערצייטין געגלויבט דאס ווען דאס מעער איז שטירמיש, קאכענד אונ וואגענד דאס דיא שיף איז אין געפאר פערזונקען צוא ווערען, איז אים איין צוא שטילען מיט זיסען אייל וואס מען גיסט אריין צווישין דיא וועלען.

צוריק ארויס שטויסין, אלס אום דאס לעבין פון דעם שליסער האט ארויס גינומען דעם שליסעל פון טויער אונ איז אוועק אין שטאט, דען ער האט געפירכטעט דאס ווען איין אנדערער וועט אים עפענען וועט מען אים פילייכט נאכיאגען.

נון מיינע טייערע לעזערין, עס איז צוואר העכסט אינטערעסאנט פיר דיין צערטליכעם הערץ צוא וויסין מיט דעם טויער וועכטער איז גישעהען, ליידער קען איך דיר קיין ריכטיגין בעשייד געבין דאריבער, נור אזוי ווייט ווייס איך דאס קיינע גיבראטענע פופקעס מיט חלה האט מען אים דער פאר גיגעבין, אונ נאך ווייס איך דאס ער האט גיזאלט גיהאנגען ווערין מיט דעם נטען צוא זאמען וויא איך וועל דא ווייטער דערציילין, אונ צוא איז ער ווירקליך גיהאנגען גיווארין ווייס איך ניט, אונ אלזוי ווייטער מארש צוא דער געשיכטע פון אונזערען העלדען, נטע איז זיך אוועק אין שטאט, האט זיך איינגיקערט אין אבעקאנטין איינפאר וואס מען האט אים גיקאנט נור אלס ארענטליכען קויפמאן, אויף מארגין איז ער זיך אוועק צו זיינע גישעפטין, ער האט זיין געץ אויסגעווארפין אין בריטין נאם וואס וואר זיך ניט דורך צושלאגין פון פוילישע מאגנאטין וואס האבין דאן דארט געווימעלט (געקיסעט) וויא פיש אין איינעם גרויסין שטאוו, אונ האט גימאכט איינען גוטין פאנג, מאנכע טאגע פלעגט ער זיך צוגיין איבער פריצישע איינפאר הייזער אלס וועקסלער, אונ פלעגט צומאכין אבצעהן אונ דרייא, דען ער האט זייער גוט גיקענט די פינגער מלאכות, דער צוא נאך האט ער גימאכט גוטע וועקסעל גישעפטין מיט זייא, אונ האט זייא בעטראגען פון קאפ ביז דיא פיס, אונ האט אלזוי אין פערלויף פון אפאר וואכין צוזאמען גישארט אפאר טויזינד דוקאטין, אונ האט זיך נאך גימאכט דערצו גרויסע בעקאנשאפטין מיט דיא פאליציייסקע, האט זייא פערשטאכען דיא הענט פיר דיא צוקונפט (שאבודעסצע) דען דער ווייסט וויא אזאך מאכט זיך, היינט מארגען קען מען דאך אריין פאלען אין זייערע הענט, אונ זייא ווידער האבין אים ווירקליך איינינע מאל פערהיט אונ ווארין אים איינע טרייע זאשציטע כל זמן ער איז גיוועזן פרייא, אונ זיינען אים גיבליבין גוטע פריינד אלס ער איז גיווארין איינגעזעצט.

אונ איינגיזעצט איז ער גיווארין נור פאר איינער אלטע גנבה, פאר דיא גאלד ווארג וואס ער האט גינאנבעט אויף הארשער יריד, דען דיזער גאלד הענדלער, האט זיך דאן עטאבעלירט (בעזעצט) אין ווילנא, אונ





ער מיט זיינעם געהילפע (האנדעלס דינער) האבין אים דער קענט אין נאס, האבין אים ערגריפען אנגעקלאגט, אונ צוא גלייך גיווארען אפגעפירט אויף זיין קווארטיר, אונ צוא זיינעם אונגליק אלס מען האט דארט רעווידירט זיין שעפעט האט מען דער וויסט חוץ פילע געשטויענע זאכין, גאלדענע אורען, גאלדענע קייטען, אונ בארעס געלד אפולע, אויך דיא שליסלען פון דעם שטאט טויער, ער האט עס ביי זיך גיהאלטין פערגעווים אום צוא פלייטען דער מיט פון שטאט ווען נייטיג זיין ווירד, דען עס וואר אים קיין מעשה צוא קליין אונ צוא גרויס, ביי אלעם דעם האט ער נאך דאן גינוג צייט גיהאט צוא געבין לאפקע דיא רעוויזארען אונ דיא פאליציייסקע, קורץ וועגם אבער זיין שולד איז גיוועזן צו שרייענד דאס מען זאל אים קענען בעפרייען אונ ער וואר אלזוי איינגיזעצט אין אסטראג אדער וויא מען האט עס דאן גירופין אין פעסטונג וואו ער האט אפ גיפוילט אגאנצעס יאר אלע שלעדטסוועס וואס מען האט געמאכט זיינען אוים גיפאלין צו זיינעם נאכטייל (להרעתו), עס איז מיט אים גישטאנען אצנע סטאווקע דער טויער וועכטער וואס האט אים דער קענט, אונ וואר אם ענדע פאר אורטהיילט (פאר משפט) ער אונ דער טויער וועכטער צום הייגגען, ער אלס דיב, אונ דער טויער וועכטער אלס פאליטישער פערברעכער, ער אבער איז ניט גיהאנגען גיווארין, ווייל הייגגען קען מען מער ניט וויא דעם יעניגען וואס מען האט אים ווירקליך אין דער האנד, ער אבער איז מיט איינינע טעג פאר דעם דעקרעט אנטלאפין. נון איז אונז העכסט אינטערעסאנט צוא דער ציילין וויא אזוי ער איז אנטלאפין.

## ז.

### .דיא פאר שטיוועל.

באלד וויא ער איז אריין אין גיפיינגנים הויז האט ער זיך בעקאנט גימאכט מיט דעם גאנצין פערזאנאל (עולם) וואס זיינען דארט דאן גיזעסען אזוי מיט יהודים אזוי מיט קריסטין, אונ האט זיך אין קורצין בעליבט געמאכט ביי אלעמען, דען ער וואר פון נאטור איין גאנץ גוטער מענטש סופערקלוג איין גרויסער חיצלינג, אונ אימער לוסטיג, היינט וואר ער אגרויסער למדן, אגרויסער שאך שפילער, אונ אגרויסער פויליש ריידער, אלץ אזעלכע איינגנשאפטען (מעלות) וואס קענען פארטרייבין

דיא שרעקליכע לאנגווייליגע (סקוצנאסט) אין דער לאנגווייליגע (סקוצנע)
געפאנגנשאפט וואס דיא צייט פערלירט דארט איר ריכטיגן רעכענונג,
אונ גיט אן מינוטין פאר שטונדין, שטונדין פאר טאגע, טאגע פאר
מאנאטע, אונ מאנאטע פאר יארין. איין גראדער געגענזאץ (הפך) פון
איר בעגין ביי דעם קארטין שפילן וואס דארט גיט זיא אן שטונדין פאר
מינוטין אונ אזוי ווייטער, דער צוא נאך האט ער מיט זיך אריין
געשמוגעלט (אריין גיפעקעלט) אפאר טוץ דוקאטען וואס וואַרין איינגענייט
אין דיא באקען פון זיין אויער היטיל, דען דיזער מענטש וואס וואר
אימער ביי זיך אנגרייטינג איינגעזעצט צוא ווערין. האט זיך פערזאגט
איין געהיימען זאפאס פיר איינע טרויעריגע צוקונפט (בודעסנאסך)
דיזעם געלט האט ער דארט פערברויכט ניט פיר זיך אליין. נייַן ער
פלעגט וויא צוא זאגין דער מיט מתנה זיין (טראקטירען) אלע געפאנגענע
אידין אונ קריסטען, דיא גאנצע צייט וואס ער איז מיט זייא גיזעסין וואר
קיינער ניט זעדנע אין ביר אין בראנפין, הערינג אונ ליכט, אונטער
דיא ראסטאנטין וואר איין פאלאק אקוכאווסקי, איין העכסט גילערנטער
מאן ער איז גיזעסין פאר אפאליטישין פארברעכין, אונ וואר איין
לידענשאפטליכער (אבעל תאוה) שפילער אין שאך, אונ אלס ער האט
דערוויסט זיך דאס דער נטע איז אגרויסער שאך שפילער, האט ער
אנגעהייבין צוא שפילען מיט אים אין שאך, אונ האט זיך ניט גיקענט
גינוג אפוואונדערין אויף זיינעם שארפין זין אונ גרויסע איינפאלע אין
דיזען שפיל אונ דאס גלייבין זיינע שפיציגע וויצען אונ גלייך ווערטלאך
אונ פלעגט אלזוי צוא צוברייננגען גאנצע טעג אונ גאנצע נעכט מיט אים.
דאס ביי דעם שאך שפיל, דאס ביי אגלעזיל ביר אדער ליפעץ. אונ
וויל דיזער קוכאווסקי איז דארט גיזעסין אלס איין גרויסער אדעל (שררה)
אין דער וואוינונג פון דעם איסמאטריטעל וואס וואר דאן איבער דאס
געפיינגנים הויז, איז אונזער נטע גיווארין איין גאנצער בן בית דארט אין
שטוב, אונ העכסט געליבט פון דעם שמאטריטעל, אונ נאך מער פון
זיינער פרויא וואס וואר נאך יונג. דען דער נטע וואר נאך דאן איין
מאן פון דרייסיג יאר דער שענסטער דער מאנעם לייטע פון דיא שבויים
וואס זיינען דאן דארט גיזעסין, אונ פלעגין אים דאהער בעהאנדלען פיל
בעסער אלס אנדערע אראסטאנטין.

קורץ גיזאגט דער נטע האט דיזעם געפיינגנים הויז אומגעוואנדילט
אין איינעם קאמעדיען הויז, צייט ער איז אהין אריין זיינען גיווארין





אלע פריילאך אונ לוסטיג דאס יעדער האט בענאהע פערגעסין אן
זיין ליידען אונ פיין אן אלעם וואס עס ערווארטעט אים אין זיינער צוקונפט
(בודעסנאסך), אם ענדע וואר דיזע פריידע דארט העכסט געטריבט דורך
טרויעריגע נאכריכטען איבער פילע טוידעם אורטיילען (שמערטעלנע
דעקרעטען) וואס ווארען דעקרעטירט איבער פילע ארעסטאנטין וואס
זיצען דארט, וואס דערונטער וואר דער קוכאווסקי. דער טויער ווערכטער
אונ אויך אונזער העלד פון אונזער גישיכטע (דער ר׳ נטע) דיזע אלע וואס
ווארען אונטער דיזע טרויעריגע קאטאגארע (קלאסע) זיינען גיווארין
העכסט בעשטירץ אונ האבין אנגעהייבין פארצובריטין זיך צום טויט
אונזער נטע אבער האט זיך אנגעהייבין פארצובריטין צום אנטלויפין
נאך מיט איינינע טעג פריער אלס ער דארף גיהאנגען ווערין, אונ האט
עס זייער גליקליך דורך גיזעצט, אין דער צווייטע נאכט נאך דיזע
בשורה טובה וואס וואר אגרויסע חמארע האט ער זיך אנגעטאן אין דעם
שמאטריטעלס אויבער מאנטעל, אונ אין אהוט זיינע, (דער שמאטריטעל
אליין האט דאן געשפילט אין קארטין אונ וואר גאנץ זאיענטע), ער האט
דיזע צווייא קליידער שטיקע (דעם אויבער מאנטיל מיט דעם הוט) ארויס
געטראגין פון שטוב וויא איין געשיקטער הויז גנב, דאס קיינער האט
דאס גימערקט, אונ דער צוא נאך וואר ער דאך שוין דארט מער אלס
שטוב מענטש איין הויז פריינד אזוי גאר, ער האט זיך אין דעם אנגעטאן
אונ איז זיך אזוי ארויס גיגאנגען אין קארעדאר, איז זיך דורך גיגאנגען
דיא וואכען גאר אן שום הינדערניס (פריפיאטסטוויא) דען זייא האבין
גימיינט דאס עס גייט דער שמאטריטעל, אונ אזוי וואר אים אויך
גיעפינט דיא דרייא פארטעצקעס פון דיא דרייא טויערין וואס וואר אים
דורך צוא גיין, ניט איינער פון דיא טויער ווערכטער האבין אים וואס
גיפרעגט, (דען געוואוינליך פלעגט דער שמאטריטעל צווייא דרייא מאל
דעם נאכטעס מאכין דיא רונדע ארום דאס גיפיינגנים הויז אום צוא
זעהען צו שטייען דיא וואכען אויף זייערע פאסטען (שטעלען), אונ ער
האט זייא ניט גיענטפערט, אונ איז זיך אוועק אין שטאט דורך זייטיגע
געסלאך אונ איז גיקומען ארום צעהען דעם זייגער צו זיינעם איינעם אלטין
קאלעגיום וואס האט גיוואוינט אין טאטערשע גאס וואס וואר דאן דיא
שטאליצע פון אלע בייטעל שניידער, דיזער קאלעגע האט גיהייסין ארקע
פאטעקע (ווייל מען האט אים דאס ערסטע מאל דער חאפט ביי איינע
גנבה פון פאטעקע) ער וואר שוין דאן ניט מער יונג ערגרויט (אלט גיווארין)

אין גנבות דאס ער אליין האט שוין ניט גיקאנט געברויכן די פראפעסיאן
און איז גיווארן נור איין צונעמער פון גנבות און צוא גלייך איין בעל
אכסניא פון גנבים, ער האט שוין גיהאט זיינע געהיימע צימערלאך און
קעלערן וואו עס צוא באהאלטיז (זאכין אדער מענטשין) דער ארקע
האט אים אנגענומען פאר אנוטין נאסט און האט זיך גיפרייט מיט אים
דאס ער האט גירעטעט זיין לעבין, דען עס האבין אין שטאט שוין אלע
געוואוסט דאס אין פערלויף פון פינף זעקס טעג דארף ער גיהאנגען ווערין
ער האט אים גוט פערשטעקט (בעהאלטין) און דער נטע וואר דארט פיל
מער געבארגען (געזיכערט) פיל מער אלס איין ערליכער מאן דאן אין
זיינעם הויז, ווייל די אלע ניזע נאצייליסטווא פון דער פאליציא זיינען
גיווארן געלוינט פון דעם ארקען גאנץ סיטא, דאס ביי יעדעם מאל
וואס די פאליציע פלעגט איבער צופאלין נאך אגרויסע גנבה איבער
דיזע רויבנעסטער (גנבעשע הייזער) פלעגט זיא דעם ארקעס הויז גאנץ
אוים מיידען וויא איין פרומער איד דעם לאבען ברויט צו בדיקת חמץ,
און אלס דער נטע האט זיך דארט אין זיין הויז פערשטעקט (אין זיינעם
בעהאלטין ארט) איין עטוואס ערהאלט (צו זיך גיקומען) פון זיינעם גרויסען
שרעק האט ער זיך ארום גיזעהען דאס לא די וואס ער האט רעטירט זיין
נאקעטעם לעבין, האט ער נאך מיט זיך גיפליכעט (גיבראכט) מיט וואס
צו ערהאלטען דאס לעבין דען ער האט דער וויסט אין דעם בוזעם
טאשע פון דעם אשמאטריטעלס אויבער מאנטיל אטוצענד דוקאטען אין
אזיידענע בייטעלע, פאר געווים האט עס דער אישמאטריטעל גימוזט
אפנעהמען איצונד פאר זאלעטאנע אדער אויף קארמעוויע פאר די
באסטאנטען.

«נטע» האט ער ביי זיך בעטראכטעט, דער גרעסטער טהייל פון
דיזעם געלד מוז אנגעווענדעט ווערין פון מיר אויף זיך אוים צו קליידען,
גאנץ קריסטליך, דען זאנסט וועל איך קיין נאז ניט קענען ארויס שטעקין
פון דאנען דען מען וועט מיך באלד דערקענען, און וועל אלזוי מוזען
פערפוילט ווערין אין דיזער לאך, באלד דארויף האט ער גילאזט ברייגען
שנאפס און איין גוטען אבענד ברויט, און האט זיך ערקוויקט מיט אגוטען
שלאף, אויף מארגין האט ער זיין פלאן מיט גיטיילט זיין ווירט וואס האט
אים גיגעבין איין גרויסען ביי פאל (הסכם) דער צו און האט עס אים
צו גלייך אויסגיפירט, ער האט פערשאפט אשניידער וואס וואר אויך
אגוטער חברה מאן, און ער האט אים פאר הונדערט און פופציג גילדין
אוים





אוים גיקליידעט וויא אמאנגאט פון קאפ ביז צו די פיס, פון דעם
אשמאטריטעלס פלאסק האט ער אים אומגעמאכט אגוטען בורנאס, און
אלס ער וואר מיט דעם אובייאר פערטיג האט ער זיך גילאזט ארום
רעזירען בארד און פאות, און אלס ער האט זיך אנגעצויגען האט ער
אוים גיזעהען וויא איין געבארענער פוילישער אדעל דאס עס וואר אים
שוין גאנץ אונמעגליך צו דער קענען, עס האט אים צו דיזעם אובייאר
מער ניט גיפעלט וויא אפאר טייערע שטיוועל, און בפרט נאך דאס ער
האט קיינע פראסטע אויך ניט גיהאט דען די וואס ער האט גיטראגין
אויף די פיס ווארען שוין צו פוילט צו פליקט, דאס עס האט זיך שוין
קיין טראפין וואסער גיקענט איין האלטין אין זייא, דען זייא זיינען דורך
גילאפין, און לאזין עס מאכין האט עס גידארפט קאסטין געוויסע פופציג
גילדין, נון וועט דאך אים בלייבין גאנץ ווייניג אויף הוצאות, און דאהער
איז ביי אים גיבליבין דאס ער זאל עס בעקומען דורך אפינטע (בעטרוג)
און עס איז אים דאס אויך גילונגען (געגליקט).

און דיזעס האט אזוי פאסירט. ער האט זיך גילאזט פערשאפען
דורך זיינעם ווירט אפאר אלטע שטיוועל וואס האבין אמאל גידארפט
קאסטין זעכציג אדער זיבעציג גילדין פאר פינף אדער זעקס גילדין און
וואס זייא ווארען שוין אזוי שוואך און אזוי ווייט אבגעניצט דאס זייא
האבין שוין מער ניט גיטויגט, וויא צו גיין אין זייא צו חלום אלס אויף
דעם וואר. און דאך האבין זייא אוים גיזעהען אוים גיפוצטערהייט זייער
שיין און בלאנק, און באלד וויא ער האט זייא אן גיטאן האט ער זיך
אוים גיפוצט אין זיינעם נייעם אובייאר און איז ארויס אין גאס, און האט
גיחאפט איינע רעמיזאווע דראנסקע און איז פערפארען אין אגרויסען
פריצעשען איינפאר און האט דארט בעשטעלט פאר זיך איין נומער
אטייערין און האט זיך דארט אפגישטעלט אויף אפאר טעג, און האט
גילאזט רופען צוא זיך איין פוילישען שוסטער אטייערין, און האט
בעשטעלט אפאר שטיוועל ביי אים פאר זעכציג גילדין מיט דעם בעדינג
דאס זייא זאלין ווערין פארטיג אויף איבער מארגין אור צעהען, און אלס
ער איז אוועק פון אים האט ער גישיקט דעם יונג פון דעם איינפאר נאך
איינעם צווייטען שוסטער מיט דעב אויסרייד דאס ער איז מיט דעם
ערשטין ניט דורך גיקומען, און אלס ער איז צו אים גיקומען, האט ער
ביי אים אויך בעשטעלט אפאר שטיוועל פאר דעם זעלביגען פרייז נור
מיט דעם בעדינג דאס זייא זאלין ווערין פארטיג אויך אויף איבער מארגין
ביידע

נור אויף זייגער עלף פינקטליך זאנסט וועט ער אים שוין ניט גיפינען אויף
דעם קווארטיר, אונ ביידע האבין פינקטליך גיהאלטין טערמין, אונ
ביידע האבין אים צו גיטראפין צום מאס, נור ביא דעם ערשטין וואס
האט ניט גיוואוסט פון דעם צווייטען האט ער פינגירט (געמאכט דעם
אנשטעל) דאס עס דריקט אים דער לינקער שטיוועל אונ האט אלזוי
פערלאנגט דאס ער זאל אים נעמען אהיים אום איין עטוואס מאכין
גראמער אויף דיא פראווידלע אונ זאל אים עס אפברייגען ערסט ארום
פינף, דען ערשט דאן וועט ער צו זיין אויף דעם קווארטיר, אונ ביא
דעם צווייטען שוסטער האט ער שוין פינגירט (גימאכט דעם אנשטעל)
גאנץ פערקערט, דאס עס איז אים איינגלעך דער רעכטער שטיוועל, אונ
האט פון אים אויך דאס זעלבע פערלאנגט, דאס הייסט דאס ער זאל
אוועק טראגין צו זיך אהיים דעם רעכטין שטיוועל אום צומאכין אים
גיבאמער אויף דיא פראווידלע אונ זאל עס אויך אפברייגען ארום פינף
אונ ביידע האבין עס מיט פריידען גיטאן, האבין גינומען מיט זיך צו איין
שטיוועל, איינער דעם לינקען אונ דער צווייטער דעם רעכטין אונ האבין
דאס גלייכען איינעם ארעכטין שטיוועל אונ דעם צווייטען אלינקען
שטיוועל, ביידע פון איין פאסאן גימאכט וויא ער האט גיהייסען, גילאזין
ביא אים אויף זיין קווארטיר, אונ מער וויא דיזעס האט ער ניט גיוואונשען
דען אלס ער איז לויז גיווארין פון דעם צווייטען שוסטער, האט ער אן
גיטאן דיא ביידע שטיוועל, אונ איז זיך אוועק פון זיינעם קווארטיר אויף
אימער אונ אייביג, אונ וואס פאר זויערע גיזיכטער (מינעס) עס האבין
גימאכט דיא ביידע שוסטער אלס זייא זיינען צוזאמען גיקומען ארום פינף
דעם זייגער אין זיינעם קווארטיר, דער איינער מיט דעם רעכטין שטיוועל,
אונ דער אנדערער מיט דעם לינקען שטיוועל, אונ האבין אים ניט דער
וואוסט, אונ ניט יענע איינציגע שטיוועל וואס זייא האבין ביא אים
גילאזין, אונ וואס דיזע בעטראגענע האבין דאן צווישען זיך גישפראכין,
אונ דערצו נאך דער ווירט פון דעם איינפאר דארין וואס וואר בעטראגין
פון אים דיא קווארטיר געלד אונ אום נאך קלייניקייטען וואס מען האט
אנגענומען פאר אים אין שיינק שנאפס ביר אונ געבעק ביא דעם
טייצעסען בעקער, דיזעס אלעס לאז איך איבער מיינע טייערע לעזערינען
דאס זייא זאלין עס זעלבסט זיך פארשטעלען ביא אלעם איז דעם שאדע
דאס מיר האבין דיזען זעהענים ווירדיגען שפיקטאקעל ניט מיט אונזערע
אויגען גיזעהען. אונ ניט מיט אונזערע אויערין עס נאך גיהערט, אום צו





ליפערען (איבער געבין) אייך איינע טרייערע פארשטעלונג אלס איר אייך
זעלבסט אויך מאכין ווערט.

## ח.

### נאך איין בעטרוג, אונ זיין אנטלויפין פון ווילנא.

נון לאמיר אויפזוכען אונזערין העלד פון אונזערער ערציילונג,
וויא ער איז ארויס פון קווארטיר ארום צוועלף דעם זייגער אין גאס איז
ער אריין אלס איין עכטער פוילישער מאגנאט אין אצוקערנע מער אום
איינער נייען שפיקולאציע וועגין אלס אום צו גיניסען דארט וואס, דען
וויא נור ער האט זיך ערהאלט (צו זיך גיקומען) פון זיינעם טוידעס שרעקין
האט ער באלד ווידער בעקומען דיא לוסט ווייטער צו שטוילען וויא דיא
פרויען בעקומען לוסט זעלבסט נאך איינעם גיפערליכען געווינען ווייטער
צוא קינדלען, דיזע צוקערנע וואס ער האט אהין איין גיקערט וואר דיא
גרעסטע אונ דיא פארנעהמסטע אין שטאט וואס האבין פערקערט אהין
דיא גרעסטע אריסטאקראטי פון דיא דארטיגע פאלאקען, אונ האט אלזוי
גימיינט אויס צו ווארפין דארט זיין געץ, אום צו פאנגען מאנכע זיידענע
סאקוועצקעס מיט איניגע דוקאטען אויף רייזע קאסטען, דען עס איז ביא
אים גיבליבין דאס ער זאל פיריעצט ציהען נאך ווארשא אבער ניט קיין
ווידז וואס ער וועט זיין דארט אויס גיזעצט דער גיפאר ערגריפען צו ווערין
פון דער רעגירונג אונ גיהאנגין ווערין דען זיא האט גיוואוסט דאס ער
איז איין ווידזער, ער האט צוואר דער וויסט דארט עטליכע הערשאפטען
וואס האבין דארט גיפרישטיקט, צייטונג גילעזין, אונ גישפראכין איבער
פערשיידענע נייעקייט וואס אונטער דעם וואר אויך לאנגעס אונ בריימעס
גישפראכין איבער אים זעלבסט (איבער נטע גנב) עס ווארען דערציילט
זייער וויציגע אנעקדאטין פון אים, אונ דאס ער האט גיזאלט באלד
גיהאנגען ווערין ווען ער וואלט ניט אנטלאפין, נון וואר דער צייליט וויא
אזוי ער איז אנטלאפין, מיט נאך פילע זאדאטעקעס, מען האט זיך דער
שטיקט לאבענדיג, אונ אויס גילאזין האט זיך מיט דעם אלטין פזמון
"אטא זידזע שעלמא" אונ אונזער נטע האט דער ביא גידרייט דיא
וואנצעס וויא איין עכטער פאלאק אונ האט זיך אויך אונטער גילאכט,
דאך צום פערדעל (דאס הייסט צום גראסען) האבין דיזע אלע גישפרעכע
ניט גיפירט, דען דיזע אלע מאגנאטען וואר ען מיט ליידיגע טאסען, אונ

האבין דארט גיצערט נור אויף קאנטע, אונ ארונטער צו צופען איינע נאלדענע אור, וואר צו ליכטיג. דען עס ווארען דארט נור גיציילטע מענטשין, ביי אלעם דעם האט ער אויס גיבראכט דארט אגילדין צעהען אום נור צוא מאכין זיך בעקאנט מיט דעם צוקערניק אונ מיט זיינעם גיהילפען, אונ האט נאך אפאר גילדין איבער גיגעבין אומישנע, אום זיך צו ציינען דאס געלט איז ביי אים געפאצאם, אונ זאל אלזוי שוין אויפגענומען ווערין דארט צו איינער גילעגענערע (אודאבנערע) צייט מיט פריינדליכקייט, אונ דיזעם האט פיל צו זאגין אין אזוי איין ארט וואס מען קען היינט מארגין מאכין אגוטין פאנג, דער ווייליע האט ער בעטראכטעט די גאנצע פאזיציע (גילעגענהייט) פון דיזער צוקערנע וויא פיל זייטען צימערליך זיא האט, אונ וואו יעדע טיר קומט ארויס, דען דיזעם אלעם וואר אים העכסט נייטיג אום צו וויסען אין נויט פאל וואו זיך פערשטעקען, דורך וואגען צו אנטלויפין, אונ האט אויף דעם דריטען טאג פון זיינעם ערשטין בעזוך אין דיזער צוקערנע גימאכט שוין איין העכסט גוטען גיברויך פון דיזען וויסען, דען ביי זיינעם ארוים גיין שוין פון דארט וואר ער שוין פארטיג מיט איינעם דיבישען (גנבעשען) פלאן וויא עס (דיזעם וויסען) צו בענוצען.

נון הייסט עס דאס מיט דעם בעטרוג געוועבע (נעץ) וואר ער באלד פארטיג גיווארין, עס האט נור גיפעלט, אים אזוי איינער וואס זאל מיט אים (מיט דעם נעץ) געפאנגען ווערין, אונ אזוי איינער האט זיך אויך באלד איינגעפונען, אונ דיזער איינער וואר קיין אנדערער אלס דער נאלד העגדלער וואס ער (דער נטע) האט אים אין הארשע בעשטוילען, אונ וואס נאכהער האט ער (דער גאלד העגדלער) אים דא אין ווילנא אריין גישפילט אין דיא הענד פון דער גירעכטיקייט, אונ ער (דער נטע) וואר דורך אים פעראורטהיילט צום הייגען, אלזוי איינעם זעלבען צוא בעטריגען וואר ביי אים (ביי דעם נטען) אזוי איין לעקער ביסען (איין גישמאקער ביסען) וואס ער האט עס נאך ביז דאטע ניט גינאסען, דען דיזעם וועט דאך זיין אזוי איין דיבשטאל (גנבה) וואס איז געווירצט (פערבשמימט) מיט ראבע (נקמה), דען וויא נור דער נטע איז ארוים פון דער צוקערנע, איז אים דער גאלד העגדלער גיקומען אנטקעגין, אונ קיינע בעסערע בעגעגעניס האט ער זיך ניט גיוואונשען, "דיזער קאנאליע" האט ער צו זיך זעלבסט גיזאגט, מוז פון מיר צום צווייטען מאל בעטראגין ווערין, פון אים מוז איך אויף רייזע קאסטין בעקומען, אונ ער האט עס





גאנץ כשר פערדינט ביי מיר, ער האט גיוואלט מיך הייגען לאסען, נון וועט ער זעלבסט זיך אויף הייגען, אונ אלס ער האט זיך איבער ציינט דאס ער ערקענט אים ניט, אונ וועט אים שוין ניט דער קענען, דען ער האט גימאכט מיט אים איין פליכטיגען (געשווינטען) גישפרעך, ער האט גיפרעגט ביי אים צום ביי שפיל וואו דורך גייט מען אריין אין דער טייצעשע שטראזע, אונ וואו וואוינט דער אונ יענער מאגנאט, אונ ער האט אים גיענטפערט גאנץ העפליך וויא איינעם אומבעקאנטין הערין, (אונ אין דער טהאט (באמת) וואר אים גאנץ אונמעגליך צו דער קענען אים אין דיזען אובייאר מיט איינעם אפגיראזירטען בארד אונ פאות אונ מיט לאנגע פערדרייטע וואנצעם) איז ער אים נאך גיגאנגען טריט פאר טריט ביז ער איז אריין (דער גאלד העגדלער) אין זיין בוד, אונ מער וויא דאס האט ער שוין ניט גידארפט דאס הייסט צו ווישען וואו זיין בוד איז, אגב האט ער בעמערקט דאס זיין האנדעלם דינער איז ניט מער דער זעלביגער וואס וואר פארהער, אלין בעשער מיט איינעם בעקאנטען ווייניגער צום אויס פירען אזוי איין בובען שטרייך, אונ איז זיך פון דארט אוועק צוא זיינעם ערשטין בעל אכסניא ארקע פאטעקע, האט דארט ווארעמס גיגעסין אונ אויך גינעכטיגט, אויף מארגין ארום צעהען דעם זייגער איז ער אוועק אין צוקערנע, ער וואר דארט אויף גינומען אלס איין אלטער בעקאנטער שוין, האט גימאכט אגוטען שנאפס פערביסען, אונ האט אגב בעשטעלט דארט צוויא הונדערט מאנדעל ברויטען וואס זיינען אין דער גרעסע פון איינעם טאלער, אונ ווארען דאהער דאן גירופין מיט דעם נאמען הארטע טאלער, אונ האט גיגעבין אפאר טאלער אויף גאב, אונ פעראבגערעט מיט זייא דאס זייא זאלין עס מאכין פארטיג אויף מארגין זייגער צוועלף. דען ער מאכט אבאל, אונ אלס ער וואר שוין מיט דיזער בעשטעלונג גיווים, איז ער זיך אויף מארגין אזוי וויא ארום צוועלף אריין צו דעם גאלד העגדלער אין בוד אונ האט אנגיהויבין צו דינגען ביי אים איינע גאלדענע דאזע (טאבאקיירקע) אונ איינע טייערע אור מיט אנאלדענע קעטע, אונ האט עס איינגיהאנדעלט וויא אמבין פאר איין גאנץ גענויען פרייז פאר דרייא הונדערט טאלער אונ האט באלד דיזע ביידע קליינאדען איינגעפלאצירט (פאמיעסצעט) אין זיינע געוואונליכע שטעלין, דיא אור מיט דער קעטע האט ער איין גישטעקט אין דער קאמעזויל טאשע, אונ דיא דאזע אין הויזען טאשע, אונ האט גיבעטין דעם גאלד העגדלער דאס ער זאל שיקען מיט אים זיין

האנדעלס דינער אויף זיין קוואַרטיר, וואס ער האט אלס דורך רייזענדער ביא זיינעם אלטען בעקאנטען קאנדיטערקורט, אונ דארט וועט ער עס אים איינצאלען מיט הארטע טאלער. דען קיינע אנדערע מינצען האט ער ניט אונ דאהער האט ער עס ניט גיקענט נעמען מיט זיך, דען עס איז שווער צו טראגין "א ריזעס איז איין זיסעס געלד" האט זיך אפגערופין דער גאלד הענדלער לאבענד, אונ דער נטע האט דער ביא גישפילט דעם נארען (דאס הייסט ער האט זיך גימאכט דאס ער פערשטייט ניט דיזען גלייך ווערטיל), ביז דער גאלד הענדלער האט עס אים ערקלערט, אונ האט דער נאך דיזען וויץ העכסט בעוואונדערט.

קורץ גיזאגט, ער (דער נטע) האט דיזען גאלד הענדלער ווידער אין זיינעם האמען (נעין) בעקומען ער האט גישיקט מיט אים זיינען האנדעלס דינער, נטע איז אריין מיט אים אין צוקערניע אונ האט גיהייסען אויס ציילען אים דיא הונדערטע הארטע טאלער, אונ האט צו גלייך פערלאנגט דעם שליסעל פון פראוועט, אלס וויא ער וואלט דארפין גיין וואס צום ניכסטען וואו זעלבסט דער גרויס מאגאל גייט צו פוס. אונ וויא מען האט עס אים דער לאנגט איז ער דער מיט ארויס וואס צום ניכסטען דורך יענע טיר וואס פירט צו דיזען ארט, אונ איז שוין מער צוריק אריין, נון איז אונז שוין לייכט צו פערשטיין וואס פאר איין מיספערשטענדניס (נעדאראזומענע) עס וואר גישעהען צווישען זיא ביידען (דעם צוקערניק אונ דעם האנדעלס דינער) אלס ער (דער צוקערניק) האט אנגעהייבין אויס צו ציילען דיא הארטע טערטלעך דעם האנדעלס דינער, עס וואר פאר גיוויס טויזענד פערדריסליכע פראגען אונ טויזענד אנטווארטען צווישען זיא ביז זיא זיינען ארויף גיקומען אויף דעם ווירקליכען בעטרוג, אונ נאך האט זיך קיין האנדעלס דינער אומגיקערט צו זיינעם פרינצעפאלין מיט אזוי אטרויעריגע נאכריכט וויא דיזער. אונ ערסט דאן האט זיך דער גאלד הענדלער אנגעהייבען צושטויסען (צומערקען) דאס דיזער בעטריגער וואר עס דער זעלביגער סוחר וואס האט אים בעטראגען מיט דיא צוויא שאכטלען גאלד ווארג, עס וואר שוין אבער גאר ניט צוא מאכען, דען ער האט זיך מיט דיזען רויב בעהאלטין וויא איין ווילדעס רויב טהיר אין זיינעם לאכע אדער העלע, דארט אין דעם רויב נעסט פון דעם ארקען פאטעקע איז ער דארט פערבליבין ביז ער האט דיא גניבה פערקויפט פאר אגוטין פרייז, אונ זיך פערזארגט מיט אלעם בייטיגען אויף זיינער הערויס איר ענדע אונ צוגלייך גיפעהרליכע רייזע, דען





פאר גיוויס וואר ער דאן גיזוכט אויף אלע שטראזען אלס איין אנטלאפענער ראסטאנט וואס וואר שוין פערארורטיילט (פערמשפט) צום שטראנג (צום שטריק).

ער האט זיך איינגעשאפט פערשיידענע פארוקען, אונ פערשיידענע קליידער שטיקען, אונ דאס גלייכען פארבען, אום צוא מאכין זיך אונערקענטליך. אונ צוא פערקליידען זיך אלע מאל נעמעם (וועדליג) דיא ראלען וואס ער וועט דארפין שפילען ביא זיינע שעלמענשטרייכע, אמאל אלס קויפמאן, אמאל אלס שנארער, אמאל אלס מאגנאט, אונ אמאל אלס בעטלער, אונ דיזע פארברייטונגען האבין געדויערט אלס איינע גאנצע וואכע. אונ דיזעם וואר אים אויך פון גרויסין נוצין, דען דער ווייל האט זיך גילייגט (שטיל גיווארין) דער לארעם פון זיינעם אנטלויפין אונ נאכהער אלס ער איז גיווארין פיקס אונ פערטיג מיט אלעם נייטיגען האט ער זיך פערקליידעט פאר אבעטלער מיט צוויא גרויסע טארבעם אונ איז אוועק פון ווילנא אום צוא קומען קיין ווארשא, ערסטינס ווייל דארט וועט ער זיין אם זיכערסטין דען דארט וואר ער גאנץ אונבעקאנט אונ אונבעוואוסט, צווייטינס וואר דאן דארט פאר אים איין פיש רייכער טייך אום זיין נעץ אויס צוא ווארפין אין אים, אונ צומאכין דארט איין גוטין פאנג.

אויך דיזע רייזע וואס האט גדויערט מער אלס פיר וואכין וואר גיצייכינט אין דיא ביכער פון זיין לעבינס געשיכטע מיט פיל שעלמען שטרייכע (שטוקעס) אונ מיט פילע ווייציגע אנעקדאטין וואס מיר וועלען דא נור איינינע דער פון בעשרייבין ווייל זיא זיינען אמוזיצינסטען, קוים איז ער איינגענאנגען פון ווילנא אנדער האלבין מייל נור, האט אים בעגעגינט איין פוילישער מאגנאט וואס איז גיפארין אין אטייערין קאץ וואס וואר בעשפאנט מיט פיר טייערע פערד, עס וואר דאן זומער אין דרויסען, דיא היץ גרויס, דער וועג העכסט זעמדיג, אונ דיא פערד זיינען גיוועזן פיץ נאס פון שוויים, אונ זיינען זיך גיגאנגען טריט פאר טריט, דען זיא ווארען העכסט מידע, דאס דער מאגנאט האט זיך העכסט לאנגווילט, דער נטע זייענד גיטרייא זיינער ראלע וואס ער האט דאן געשפילט אלס בעטלער, האט זיך זייער טיף פערנייגט געגין אים אונ האט פערלאנגט פון אים אנדבה. דער מאגנאט האט אים צוא געווארפין אקליינע זילבערנע מינצע, אונ האט אים צוגלייך גיפרעגט וויא איז דער וועג ביז ווילנא צו זעמדיג צוא ניט, אונ אלס דער נטע

האט אים גיענטפערט דאס דער וועג איז ביז אהין נאך פיל װעמדיגער אלס ביז היר, האט דער מאנגנאט גיזאגט צוא זיינעם לייב קנעכט האלב פערדריסליך: דארף צוא דיזעם הונדע דיזע גרויסע פראגע וואס שטעקט אין דער זייטען טאשע פון דעם קאץ, אונ נאך וואס מיר האבין מיט זיך, אום צוא מאכין אונז לייכטער אין דיזע שלעכטע רייזע זאנסט װעלין מיר פערזאמען דעם פראצעס (באקאזאניע) פון דעם דיבען פירשט פון דעם נאטקען וואס האט מיך שענדליך שוין מער אלס איין מאל בעטראגין, צוועלף דעם זייגער דארף ער גיהאנגען װערין, «פערצייהען זיא מיין הער» האט אים דער נטקע גיענטפערט דעסטװעגען דארפט איר אייך ניט בעאיילען דען עס איז אונמעגליך דאס ער זאל אן מיך גיהאנגען װערין «נון איז מיר שוין פערשטענדליך» האט זיך אפגערופין דער מאנגאט, דער אלטער שפריך װארט «בעטלער שטאלץ» וואס איך האב עס ביז איצונד ניט פערשטאנען, אונ האט זיך גװאלטיג פון איינאנדער גלאכט דאריבער, אונ האט אים גיהייסין גוט אויסשמארין מיט דעם לאנגין ביין «א! מיין ליבער הער» האט זיך דער נטקע אפגערופין צוא אים דיא װעג מעג שוין זיין צעהען מאל בעסער אלס זיא איז איצונד, אונ דיינע פערד צעהען מאל שפארקער גיין אלס זייא גייען יעצט, װעסט דוא ניט אנייאגין וואס דוא האסט פערזאמט, (דאס איז געמיינט דעם שכל) *) נטקע איז זיך אװעק זיין װעגס, אונ דער מאגנאט האט פערשטאנען דעם װיץ דער פון ערסט אלס ער איז געקומען קיין ווילנא. נטע קומענדיג קיין קאװנא האט ער אלס בעטלער בעזוכט פיל קרימטליכע הייזער, אונ איז פון קיין הויז מיט ליידיגע ארויס, ענפער מיט א נדבה אדער מיט א גנבה, צוא א גרויסע צוא א קליינע, אם װיצינגסטע האט ער זיך בעגאנגען ביא איינעם דיב שטאל (גנבה) וואס ער האט בעגאנגען ביא איינעם קריסטליכען דאקטער, ער האט דערװיסט אין פאדער שטוב איין איינגעפאקטין שעפעט מיט דאמסקע קליידער, פון זיינער פרויא וואס האט גידארפט אירגענד װאו פעררייזען גראדע װאר דאן נימאנד דארט אין פאדער שטוב, אונ קיינע קלענערע זאך אלס דער שעפעט װאר דארט אויך ניט צוא זעהען, האט ער אוים



*) דיזעם אלטע שפריכװארט איז ביא אונז אידין נאך מיט דעם נוסח ער האט פערזאמט ביא דעם בארג סיני, אונ דער מקור דער פון איז אין מדרש אין יתרו, כל אחד ואחד נטל את שלו מסיני.





נויט איהם צוא גענומען, ער װאר אבער צװאר גיט זייער גרויס דאך זייער שװער, אונ דיא טרעפ װארין געדרייטע, אונ דער צוא נאך זיך זייער געאיילט איז ער ארונטער געפאלען מיט דעם שעפעט ביז דעם ערשטין אבזאץ (בריקעל) וואס װאר אם ענדע פון דעם אויבערשטין דריטען טייל טרעפ, אונ דיזעם האט גימאכט אזוי איינע גרויסע געקלאפעריי דאס דער דאקטער וואס װאר אין זיין נאבענט האט עס דער הערט, אונ האט זיך ארויס גיכאפט וואס צום ניכסטען צו זעהען װאס דארט איז גישעהען, דען עס האט זיך אים געדוכט דאס עס זיינען איינגעפאלין דיא טרעפ, אונ אלס ער האט דער זעהען דעם נאטקען מיט דעם שעפעט, אונ האט אים גיפרעגט מיט גרויס האסט (ניט אנמערקענדיג דאס דער שעפעט איז זיינער) װער ער איז אונ וואס ברויכט ער היר מיט דיזעם בעטזאק, האט אים דער נטקע וואס איז ביא דיזער פראגע געבליבען זיך גאנץ רוהיג דארויף גאר ניט בעאנטװארטעט, נור גיבעטין דאס זיינער באדינער זאל אים העלפין ארויף טראגען דיזען בעטזאק אויף דיזע טרעפ צוריק, דען ער אליין האט דער צוא קיינע קרעפטין, אונ אלס דער דאקטאר האט אים נאך אמאל גיפרעגט װער האט עס דיר גיהייסין עס ברייגען אהער, איין געװיסער פאדראזנער וואס האט זיך דא אין עק גאס צוברעכין איין אקס פון זיין פאיאזד, אונ װעט באלד אונטער קומען האט אים דער נטקע גיענטפערט, אונ אלס ער האט אים װייטער גיפרעגט. אונ צוא װעמען האט ער דיר גיהייסין אריין טראגין אונ ער האט אים דארויף גיענטפערט, אין דעם װאוינונג פון דעם פאן טראװניצקע, האט זיך דער דאקטאר פון איינאנדער גילאכט אונ גיזאגט װען אזוי האט מען דיך בעטראגין, דען דער טראװניצקע װאוינט אין דעם פירטען הויז פון דאנען, אונ אונטין גאר, אומזאנסטע מיהע װער האט עס דיר אנגעװיזען צו מיר? איין געװיסער יודע, האט ער אים גיענטפערט, אונ האט אים (דעם ערדיכטעטין אוים געטראכטין יודען) אוים געפלוכט װיא איין נוטער װעטער מויל, אונ איז זיך אװעק גיגאנגען מיט דעם בעטזאק אין דאלע מיצקעװיצע איין געדיכטער װאלדיגער טאל וואס ליגט נאהענט לעבין קאװנא, אונ ערשט אין איינער שטונדע ארום האט זיך דער דאקטאר ארום גיזעהען דאס נור ער האט זיך בעטראגען אבער ניט נטקע גנב, אונ ער (נטקע) איז דארט אין דער דאלינע געבליבען ליגען אין װאלד ביז עס איז רעכט גיװארין נאכט אונ דאן האט ער גינאנבעט אפערד אבויערשין וואס האט זיך דארט געפיטערט האט זיך אויף אים ארויף

ניזעצט מיט דעם שעפּעט און האט נימאכט פּלטה, אונטער וועגענס האט ער גיקויפט אַפּאראנדאק, און האט זיך ביסלעכוויים פערקויפט אלעס וואס וואר אין שעפּעט, טייערע וועס, טייערע קליידער, און שמוק זאכין, און איז זיך אפּגיזעסין ביי איין ישובניק אין אַדארף ביז עס האט אפּגעוואקסין בארד און פּאות, פון דארט איז ער אוועק קיין סובאלק שוין פערקליידעט פאר איין אידין, דארט איז ער פערפארין אין אַגרויסע אַכסניא אלס סוחר און האט זיך גילאזט ריידין שידוכים, דען ער האט זיך אנגיגעבין פאר איין אלמן אָן קינדער, און דער צוא נאך פאר אַמיוחס און פאר אַלמדן, און פאר אַרייכין מאן, און האט גיהאט גינוג שטאף מיט וואס עס צוא בעווייזען דען ער האט שוין גיהאט ביי זיך שיינע עטליכע הונדערט טאלער, און תורה האט ער אויך גיהאט גינוג אין זיך אום צוא פערבלענדין דיא עלטערין פון דערוואקסענע טעכטער וואס וואַרען אזוי גאר רעכטע לומדים און אזוי איינע האט גיהאט דער בעל אכסניא זיינער אויך, דער צוא נאך אַגאנץ שיינע און וואס זיינען זיך איינער דעם אנדערין גיפעלין, אלזוי וואר ער שוין בר מצרא (בילבער), און ער האט אריין גיחאפּט דיא מציאה, מיט ביידע הענט און האט גישריבין תנאים מיט אים, בתנאי דאס אין אַחודש ארום זאל זיין חתונה, דאמיט ער (דער פאטער) זאל צייט האבין אויס צוקליידען איר, און איבער דיזען מאנאט מוז ער פערבלייבין ביי אים דען ער (דער פאטער) האט געפּידכטעט דאס ווען דער נטקע וועט אוועק פארען וועט ער זיך פארגעסין צוא קומען צוא אים צוריק, דען פארגעוויס וועט מען פאר אים אנריידען אויף דיא טאכטער זיינע, דען זיא וואר אַקאפּעצקע בערעט און אפילו גאר ניט אומזיסט, נור אבער לייט האבין צינגער, אום צוא ריידין אומזיסט אויך, דאך איז עס ניט אונזער זאך דיא צוא וויסין און איר צוא געניסין, און דער נטקע האט דארט דעם חודש פערלעבט אין לוסט און אין פריידין וויא אויף איינעם גרויסן באל דען ווער נאך ווערט ביי אונז אידין אזוי טייער גיהאלטין אין שטוב וויא איין חתן פון איינער אלטע מויד פאר דער חתונה, נאך פיל טייערער אלס עס פלעגט געהאלטין ווערין איין אַחאטניק פאר דעם פריאם וואס וואר אים נאך גיגעבין אלעס וואס ער האט שוין פערלאנגט דער טעלעריל פון הימעל.

אם ענדע אלס מען וואר שוין פארטיג דארט מיט קליידער, מיט נדן און מיט אלע זיבען זאכען זעלבסט מיט פיש און מיט פלייש מיט





לעקאך און איינגעמאכצען, און עס זיינען שוין צוזאמען געפארין זין טעכטער איידעמס און שניר פון אנדערע שטעט אויף דער חתונה, און מען וואר דארט שוין לוסטיג, דאס עס וואר זייא צוא גישיקט פאר זייער שוועסטער אזוי איין פיינעם מענטשין פאר אמאן, זיינען אנגיפארען צווייא בריקעס מיט אורחים דארט אין אכסניא, אין דיא לעצטע נאכט פאר דעם טאג וואס האט גיזאלט זיין שוין דיא חתונה, איינינגע פון זייא וואס האבין אויס גיזעהען פאר לייטישע מענטשין, האבין געשפּילט דיא ראלע פון בעקאנטע מיט נאטקען, מאנכע נאך אלס גוטע פריינד האבין זיך מיט אים צוא קוסט, און ער האט זיך גיפרייט קליימערסט מיט זייא דאס זייא זיינען גיקומען אהער וויא גירופין. דאס מארגין וועט זיין ביי אים חופּה מיט דעם בעל אכסניא'ס טאכטער, און האט זייא גיבעטין דאס זייא זאלין שוין דא פערבלייבין איבער דיא חתונה ער האט זייא פאר גישטעלט דיא כלה, און זייא ווידער האבין אים גישעצט גליקליך דאס ער בעקומט אזוי איינע פאר אפרויא, און צוא ליב זייא וואר שוין ביי נאכט זייער שטארק גיטרונקען און זייער גוט צוגעביסען בפרט נאך דאס דיא אורחים האבען גיהאט מיט זיך דעם טייערסטין ראם, עס וואר גימאכט זייער פיל פּאנס, און עס וואר אזוי ווייט גיטרונקען פון קליין ביז גרויס דאס איין בלייענער שלאף איז איבער גיפאלין אויף אלע הויז לייטע און האבין אזוי אוועק געחראפּעט, ביז אויף מארגין זייגער צעהען, און אלס זייא זיינען אויף גישטאנען און האבין אויסגעריבען דיא אויגין האבין דיא הויז לייטע דער וויסט שוין דיא הייזער פיל גיראמער אלס געסטערין דען עס זיינען פערשוואונדין דיא אורחים, דיא בריקעס, דער חתן, און מיט זייא גלייך אויך דיא קליידער פון דיא כלה, דיא קליידער מיט דיא שמוק (צירונג) פון דיא אויפגעפארענע שניר און טעכטער מיט דעם נדן וואס עס איז גילעגין אין אקאמאד, מיט דיא איינגעמאכץ און לעקאך מיט דיא איינגעזאלצענע פיש און פלייש, עס איז געבליבין נור איין קליינער אנדיינקען פון דעם נטקע'ן ביי דער כלה, איין אנדיינקען וואס זיא האט זיך געהאט צו שעמען גאנצע זיין מאנאט.

אלזוי פערשטייט זיך שוין פון זעלבסט דאס דיא אורחים וואַרען נור הוילע קיסלער וואס וואַרען מיט דעם נטקע'ן פון לאנג אָן אין בונד און וואס וואַרען פון אים גילאדען דורך אבריף אהער צוא קומען, ווידער אלזוי איין בעווייז וויא ווייט אונזערע אידין זיינען אונפארזיכטיג ביי שידוכים טאן, זייא וואַרען צוואר נאכגעיאגט אויף אלע ווענין, עס וואר

אבער קיין קלאר צו הער גיין, דען זייא האבין זיך אפגעשטעלט אויף אפאר וואכין אין אוואלד, אונ נאכהער זיינען זייא אוועק קיין לענצנע אויף איינעם גרויסין יריד וואס וואר דארט אונ האבין עס אלעס פערקויפט אדער בעסער צוא זאגין גוט פערסאחערט, דען זייא האבין דארט אויך געפונען גוטע קונדין וואס האנדלען מיט סורע. אונ דארט האט אונזער נטע געשפילט נאך איין גוטין שטרייך (שטוקע) איינעם געוויסען יובעלען הענדלער (דאס הייסט אזוי איינער וואס האנדילט מיט בורלאנטין), אונ דיזעס איז צו געגאנגען אונ פאסירט גאנץ עפענטליך (פובליצנע) אונ נימאנד האט אים דער בייא אנגעהאלטין, דיזער דיבשטאל (גנבה) איז צוא גיגאנגען אזוי.

אלס דער נטקע האט זיך דער וויסט דאס דארט אין לענצנע גיפינט זיך איין יונגער מאן וואס איז געקומען אויף דעם יריד מיט אשעכטעל טייערע בורלאנטין, האט ער איינגיקערט אין דער זעלביגע אכסניא וואו ער שטייט איין, אלס איין רייכער קויפמאן, אונ האט זיך אין פערלויף פון אפאר טעג העכסט בעפריינדעט מיט אים, האביןביידע געשפייזט לעבין איינאנדער, אונ געטרונקען ביר פון איין בוטעלקע, אונ האט זיך געמאכט מיט דער צייט אזוי ווייט אינטים (פערטרויט) מיט אים דאס אלע אורחים וואס וואָרען דארט האבין גימיינט דאס ער איז מיט אים פיל מער אלס איין נייער בעקאנטער, דען ער וואר מיט אים סו שעסו (דאס הייסט געסודעט זיך אלין מיט אים) אלזוי איז ער מיט אים געווים פערוואנדעט (אקרוב) בפרט נאך אלס זייא האבין גיזעהען דאס ער קימערט זיך זייער אום זיין גישעפט דאס ער פרייט זיך מיט אים אין דעם טאג ווען ער לייזט, אונ קרענקט זיך מיט אים אין דעם טאג ווען ער לייזט ניט, אונ ראטהעט אים אימער אויף וועלכע ירידין ער זאל יוא פארין אונ אויף וועלכע ער זאל ניט פארין, אונ דאס ער זאל העכסט בעדוטזאם זיין מיט זיינע בורלאנטין אין יעדער קרעטשמע אין יעדער אכסניא, דען דיזע הייזער ווימלען (גימזען) אימער פון שפיצבובען אונ בעטריגער, פון ביטיל שניידער אונ דיבע (גנבים), אונ דיזער אירטהום (טעות) דאס ער איז זיינער אקרוב איז געווארין בייא זייא (בייא דיא אורחים) נאך פיל געוויסער אונ בעפעסטיגער אלס ער וואר אמאל גיפרעגט פון זייא וואס ער איז מיט דעם יובעלין הענדלער, אונ ער האט זייא גיענטפערט דאס ער איז אים איין פעטער, אונ מער וויא דיזעס האט דער נטקע ניט גשוואונשען דאס הייסט מען זאל אים דיזע פראגע מאכין





אום צוא האבין איינע גוטע גילעגענהייט צו געבין זייא דיזע אנטווארט אונ האט נאך דער בייא פילעס אונ לאנגעס גישפראכען מיט זייא איבער דיזען יונגען מאן, ער איז אזוי נאר, האט ער צו זייא גיזאגט איין גרויסער יובילירער, ער פערשטייט דעם גישעפט זייער גוט, אונ איז אגרויסער פערדינער, אבער העכסט אונבעדוטזאם (נעאסטראזנע) מען האט אים שוין עטליכע מאל בעטראגען, אפאר מאל בעשטוילען, ליינט ער זיך שלאפין איז אים שוין ניט צוא דער וועקין ער איז איין גרויסער פעפער אלזוי האט אים דער פאטער פארזאגט דאס ער זאל נור פארין מיט מיר צוזאמען, דאס הייסט אויף דיא ירידען נור אויף וועלכע איך פאר, אונ זאל זיך פון מיר ניט אטלוצען, אונ ווען עס מאכט זיך אמאל דאס איך פערזאמע מיך אונטער וועגענס אטאג אדער צווייא זאל ער פערפארין נור אין איינער אכסניא וואס איך וועל אים הייסין, אונ ער פאלגט מיך אונ פארט מיר נאך וואו איך פאר נור, אונ פאלגט מיך וויא איינעם איינענעם פאטער, דיזער גישפרעך צווישין אים אונ דיא אורחים האט זיך פיל מער פערצויגין אלס מיר בעשרייבין עס דא, דען דער נטקע האט זיך קליימערסט אזויא וויא אגב (עפעס אזויא) אויס גערעט דאס דיזער יובעלין הענדלער איז איין אלמן אן קינדער, אונ זוכט אלזוי איינע פארטי (שידוך) פאר זיך, אין דיא ווירקליכקייט אבער וואר עס איין בלויזער ליגין, אונ האט עס זיך אויס געשפראכין ניט אגב נור מיט אבזיכט בייא זיינעם וויסען דאס איינער פון דיא אורחים זוכט אשידוך דא אויף דעם יריד פאר זיינע אבת יחידה, אונ דאס דאס וואר זיין הויפט קומען קיין לענצנע, קוים האט עס דער אורח דער הערט דאס דער יובעלין הענדלער זוכט אשידוך, האט ער זיך שוין צוא געקלעפט צוא אים (צוא דעם נטקען) וויא שטאל אן אייזען. אונ האט אים דער ציילט דאס ער האט איינע איינציגע טאכטער שיין וויא אביגיל, קלוג וויא תקועית אונ דאס דאס ער גיט איר פינף טויזינד טאלער נדן אונ אייביגע קעסט, אונ האט אים אנגעבאטין דער צוא איינע גרויסע שדכנות, דען דער יובעלען הענדלער איז אים העכסט גיפעלין, דען לבד דעם וואס ער שיינט צו זיין העכסט רייך, אונ צו זיין פון אשיינע פאמיליע, וואר ער איונגער מאן אלמדן אוזכם, אונ אגאנץ שיינער, דער נטקע אבער האט זיך אויס געלאכט קליימערסט פון זיינע שדכנות, איך בין רייכער פאר איך, האט ער זיך אפגערופין צוא אים, אונ צווייטינס בין איך דאך

זיינער אפעטער, נון וועט עס הייסן וויא צוא נעמען פון איינעם איינענעם שידוך, עס מוז האבין געדולד איין עטוואס ביז איך וועל עס נאך פרעגין, דאס הייסט ווער איר זייט פון צוא דוויז אונ וואס פאר אמיידכען איז אייער טאכטער קורץ גיזאגט עס וואר דארט איין גישפרעך צווישין זייא איין לאנגער אונ איין ברייטער דען וואו נאך אין דער וועלט קען אזוי פיל געשוואצעט ווערין (געפלוידערט) וויא ביי איינעם שידוך טאן, נור בקיצור גיזאגט, דער רעזולטאט (פאסלעדקטווא) דער פון וואר, דאס דער נטקע האט זיך גימאכט ביי דעם אורח אזוי ווייט בעליבט אונ בייטיג דאס ער האט בעקומען צוא אים דעם גרעבטן צוטרויען, אונ וואר אנגעהאנגען אן אים וויא איינע קלעטע (האפען) אום איהרעם שטיינגיל, אונ האט אלין געזוכט וויא ווייט מעגליך צוא צייגין אים (דעם נטקען) איינע געפעלינקייט, אום משחד צוא זיין אים דאס ער זאל אוים פירין דעם שידוך מיט דיזעם יונגען יובעלירער, אונ וויא דער אלטער שפריכווארט זאגט, וואס מען זוכט געפינט מען, וואר דא אויך אזוי דער פאל, דען אין איינינע טעג ארום האט שוין דער אורח גיהאט איינע גוטע גילעגענהייט צוא צייגין אים ווירקליך איינע ווירכטיגע גיפעלינקייט, אונ האט אים צוא זיינעם אונגליק ניט פערזאמט, אונ האט עס בעריימט נאכהער אין זיינעם גאנצין לעבין, נור בעפאר מיר וועלין דיזען שטריך (שטוקי) אוים פידהליך (אין גאנצן) בעענדין מוזען מיר אונז אומקערין אויף אוויילע צוא דעם העלד פון אונזער געשיכטע, דאס הייסט צוא דעם נטקען זעלבסט.

דער נטקע האט דארט אין דער אכסניא געשפילט דיא ראלע וויא מיר האבין שוין פריער געשריבין, דיא ראלע פון איינעם רייכין קויפמאן אלס איין גרויסער טוך הענדלער אונ דער צוא נאך אלס פרייא געבינער מענטש, דאס הייסט אלס נדבן. בריף זיינען צו אים געפלויגין וויא שטעפעטין אין קרינס צייט דען ער האט דארט אויך גיהאט זיינע מיט שפילער, דען אלע קיסלער אונ אלע שפיצבובען פון ליטא פוילען רייסן וואלינען וואורען זיינע געשעפטע (דאס הייסט וואורען אים געהארזאם) דאס מען האט גיקענט זאגין אויף אים מיט רעכט דאס שפריכווארט פון אונזער גמרא, הוא שוכן בצידון ומצודתו פרושה בנציבין, דאס הייסט זיין געבאט וואר גילטיג פון יעדין ארט וואו ער האט זיך נור געפונען איבער לאנד אונ מעער, אין וועלכעם ארט ער איז נור גיקומען וואר ער אויפגענומען געווארען מיט דער גרעסטער אכטונג אונ עהרע פון דיא





דארטיגע יארניקעס שפיצבובען אונ דיבען, אונ זיינען געשטאנען צוא זיינעם געבאטע פון נאהענטען אונ פון ווייטין, ער האט געוואוסט פון אלע וויכטיגע גנבות פון אלע בעטריגערייען, עס וואר אים פון אלעם ראפארטירט, אונ אלעם אויף זיין אנראטהען אויסגעפירט, ער וואר צוואר שטענדיג אויף דער וואנדערונג, אום אוים צוא שנארען אונ אוים צוא שפירען וואו נור עסקען נור איין שעלמען שטיק אוים געפיהרט ווערין דורך אים זעלבסט אדער דורך אנדערע פון זיינער באנדע, אדער דורך זייא ביידען אויף איינמאל, ביי אלעם דעם וואר זיין צענטרום (רעכטער פונקט) ווידז, דארט וואר זיין סאנהעדעריום, דארט דיא רעכטע פראוולענע, אונטער דיא אויפזיכט פון זיינער פרויא, וואס איז געשטאנען מיט אים אין איינעם שטענדיגען בריפוועקסעל, אונ וואר גענוג מעכטיג אונ קלוג צו ראספראזייען זיך מיט דיזע פערוואר פענע קלאסע מענטשין וואס האבין אין זיך קיין פונק פון געוויסען, פון גאטעס פורכט, אונ פון דער מוראל, אונ עס איז צו בעוואונדערען דאס גראדע אונטער דיזע פערדארבענע קלאסע דער מענטשהייט איז צוא געפינען דיא גרעסטע דיסציפלין (פאסלוסענסטווא) זייא פאלגין זייער אטאמאן, אדער זייערען רב, אין פייער אונ אין וואסער, עס האלט זייא קיין געפאהר אין דער וועלט אפ, וויא עס צו לעזען אין פילע רויבער גישיכטען דאס זייא ערשיסען זיך זעלבסט אויף דעם בלויזען בעפעהל פון זייער נאצייעלניק, אונ ניט ווייניגער פאסלוסענסטווא האט זיך פערשאפט דער נטקע אונטער זיינע באנדיטען זייא וואורען אים געהארזאם נאך מער אלס איין סאלדאט דעם אפיציר. אונ זיין רופענדער פייף צו זייא וואר פיל ווייטער גיהערט אונ בעפאלגט פון זייא אלס דער קאמאנדירענדער רוף צו איינעם צערשטרייטען (ראסיפנעם) ארמייע, אלזוי וואר אונזער נטקע אין לענצנע אויך ניט עלענד, ער האט גיהאט זיינעם קריז (קרוזאק) ארום זיך, אוים גימאכטע באנדיטען וואס וואורען איינגעאיבט (איינגעלערענט) אין פערשיידענע ראלען. אמאל אויף צוטרעטען אלס סוחרים, אמאל אלס בעלי שמות, אמאל אלס חזנים, אמאל אלס בויערין אמאל אלס פריצים נלחות, אונ אמאל אלס בעטלער, אונ אמאל אלס בעלי עגלות מיט פראכט וועגין, אונ אין דיזער פארמע דאס הייסט אלס בעלי עגלות זיינען אנגעפארען זייערע פיר אדער פינף מיט פראכט וועגין וואס וואורען בעלאדען מיט גרויסע באלען פון געוואנט בעצויגען אדער בעני״ט מ״ט לייווענט, זיינען פערפארען אין דער זעלבע אכסניא

וואו עס האט לאזירט אונזער נטקע גנב , אלס צוגעשיקט צו אים פון פאבריקען אויף זיין נאמין , דאס הייסט אלס בעשטעלטע סחורה פון אים דער צו נאך איין בריף צו אים פון דיא פאבריקאנטען מיט איינעם אויס שטוך פון דיא געוואנטען וואס בעטרעפען אטאלער אכט טויזנד , אונ בעטין דאס ער זאל זייא אפשיקען דורך בעלי עגלות דאס געלט דער פאר אם וויינגסטען אטאלער זעקס טויזנד , דער נטקע האט געשפילט דיא ראלע דער בייא אלם וויא ער האט עס קוים זיך ערווארטעט אויף דיזע סחורה, האט געלאזט דיא באלען ארויס פאקען פון דיא פראכט וועגין דארט אין אוואזאוונע , אונ האט גיהייסן דיא פורלייטע געכטיגען דארט אום צוא פערשאפין זייא געלט , דיזעם אלעם, דאס הייסט דאס אנקומען פון דיא סחורה , דאס בריף מיט דעם אויסטוך איבער לעזין איז מיט אבזיכט פון אים גישעהען אין דער געגענווארט פון דיזעם אורח אונ האט דער בייא זייער שטארק דעם שטערין געקנייצט , אונ האט אלס מיט זיך זעלבסט געשפראכין אומנייענדיג איבערין שטוב הין אונ הער זאגענד וואס טוט מען איך האב דאך נור דער ווייל וויא דרייא טויזנד טאלער במזומן , וואו בעקומט מען אויף אפאר טעג נאך דרייא טויזנד טאלער אום אפ צוא פערטיגן דיא בעלי עגלות פון מין קאפ , וואלטין זייא געקומען מיט איין האלבין טאג פריער וואלט איך עס גיחאפט בייא מיינעם פלעמעניק , נון צום שלימאזעל האט ער היינט אפגעשיקט אויף פאצט דרייא טויזנד טאלער לייזונג צום פאטער , דער אורח האט עס קוים דער הערט האט ער זיך שוין פון זעלבסט אנגעשלאגין אן אים דאס ער קען אים אויס העלפין מיט דיזער סומע איבער דיזער צייט , הא ? , האט זיך דער נטקע אפגערופין אזוי וויא האלב פערדריסליך , איך העטע דיזען גמילות חסד מיט פריידין פון אייך אנגענומען , איר וועט אייך אבער דער מיט פיל מער שאדען טאן אלס מיר א טובה טאן, דען וויא אונטער אונז געזאגט ליידע איך אים צוא זייער שטארק צוא טאן מיט אייך דען איך האב נאך גיפרעגט אונ האב בעקומען נוטע נאכריכט דאריבער , נון וועט ער נור געוואר ווערין דאס איר האט מיר שוין געלט געליהען, קען אזוי איינער שוין מיינען דאס איך פערקויף אים אייך , אונ איך וועל עס אים אויך ניט פערדיינקען דען איין פעטער זיינער האט זיך אזוי בעגאנגען מיט זיינעם אברודער , האט אים ווירקליך פאר קויפט פאר אגוטע שדכנות אן איינער אויס וואורף , האט אים אריין געשאדעגט אשטיק צרה , אונ האט אים אומגליקליך גימאכט אויף





זיינעם גאנצין לעבין , „איי !“ האט זיך אפגערופען דער אורח וואס דיא אנטווארט פון דעם נטקען איז אים זייער גוט בעקומען אונ גאנץ גוט געגעגזילט , „איי“ ! זייט אונבעזארגט , איך בין דאך נאך ניט אזויא דום , אזוי איין עטוואס אים צוא זאגין אדער איינעם אנדערין .

מער וויא דיזעם פערשפרעכין האט אונזער נטקע ניט געברויכט האט צו גענומען בייא אים דיא דרייא טויזנד טאלער , האט ער אויף מארגין ענטפראוועט דיא פערמיינטע בעלי עגלות וואס האבין גיבראכט אנשטאדט באלען געוואנט נור באלען פאקולע וואס ווארין געמישט מיט זאמד , נון לויט יושר האט זיך שוין אונזער נטקע געקענט שוין זייער לייכט פלייטען פון דאנען דען ער האט דאך שוין דרייא טויזנד טאלער אין האנד , וואס וועט דער בייא גאר קיין האן אקרייא טאן , בייא אלעם דעם איז ער נאך פערבליבען אפאר טעג , דען ער האט נאך גיהאט וואס וויכטיגערעס אויפצוראמען דארט , אונ דיזעס וואס קיין אנדערע אלס דיא שאכטעלע בורלאנטען וואס וואר פון איינעם פיל גרעסערען ווערט אלס דיא לומפיגע דרייא טויזנד טאלער .

אויף מארגין האט ער איינגעלאדען דעם יובעלען הענדלער אויף פארטער אין זיין האנדיל , אונ אלס מען וואר שוין פארטיג מיט דער ערשטע בוטעלע , אונ מען וואר שוין מער אלס מיט זיך אליין אונ מען וואר שוין פיל מער גישפרעכיגער אלס פריהער , האט דער נטקע אנגעהייבען אביסעל צו יעקען צו שפאטען פון דיא אורחים וואס שטייען מיט זייא אין דיזער אכסניא , דיזע מענטשין , האט זיך דער נאטקע אפגערופען צו אים , זיינען נאך האלב ווילד , פערשטייען זיך גאר ניט אויף דיא מענטשין פריינדליכקייט אזוי ווייט דאס ווייל זייא האבין געזעהן דאס איך בין מיט אייך זייער שטארק מקורב האבין זייא בייא זיך געשלאסען דאס איך בין אייער אפעטער , דען העטע איך געוועזן איין ווילד פרעמדער מיט אייך וואלטען מיר אזוי ווייט גיט געוועזן פערטרויט מיט איינאנדער , אונ איך האב זייא אין דיזען וואהן (דמיון) דער האלטין , דען אלס זייא האבין מיך גיפרעגט צו איז דער יונגער יובעלען הענדלער מיינער אפלעמעניק ? האב איך זייא גיענטפערט , יוא איך בין אים אפעטער , זיין פאטערס אברודער , איך האב עס גיזאגט אבער ניט אויס הוילען שפאט נור אויס איינער קלוגען אבזיכט , איך האב אויס צו געבין אטאכטער איין שיינעם קינד , אונ איך וויל איר געבין אפאר טויזנד טאלער נדן , נון ווערט מיר דא גירעט אשידוך מיט אגרויסען לייט וואס

וויל היינט געלט יחוס, אלזוי ווען איין מאל דער שדכן האט מיך פאר געשטעלט דארט אלס פעטער אייערער (דען אייך קען מען דא אין שטאט פאר אמיוחס) וואס דיזעס וועט פאר געוויס פיל בייא טראגען צוא דיזער פארטיי (שידוך) האב איך שוין ניט געוואלט מאכען צום ליגנער דעם שדכן, אונ האב דיזען קלאנג געלאזט ווייטער קלינגען, אלזוי מיין פריינד ווען מיר זיינען שוין מיט דעם פאלשען נאמען פעטער אזוי ווייט גקומען, מאכט מיך שוין ניט צום ליגנער, רופט מיך דארט פאר אלע אורחים אין דיא אויגען מיט דעם נאמען פעטער. מיר וועט עס ניצען צו דעם שידוך אונ צו גלייך שיצען פון אייך ליגנער צו בלייבין, אונ אייך וועט עס ניט שאדען.

„ניין מיין פריינד" האט זיך דער יונגער מאן אפ גערופין, דיזע אורחים האבין קיין שולד דאריין וואס זייא מיינען דאס איר זייט מיינער אפעטער, דען זייא האבין שוין מער אלס איין מאל געהערט דאס איך רוף אייך פעטער, צוואר איך האב עס געטאן נור אויס הויליער זיטע אדער אויס הויליער עטיקעטע (דרך ארץ) דען אזוי ווערט בייא אונז אין גשפראכין יעדער נייא בעקאנטער פון מיטעלע יארען מיט דעם נאמען פעטער, וויא עס ווערט איין אלטער אנגעשפראכין מיט דעם נאמען זיידע. נור בייא אלעם דעם ארט מיך גאר ניט דאס זייא מיינען דאס איר זייט ווירקליך מיינער אפעטער, אונ בפרט נאך ווען דיזעס מיטעל בעלאנגט צו אייערען אשידוך, אלזוי מעגט איר שוין געוויס זיין דאס איך וועל זייא נאך פיל מער בעפעסטיגען אין דיזען וואהן (טעות) איך וועל אייך צעהען מאל אין איינער שטונדע רופען פעטער אונ בפרט איך האב מיך ניט צוא שעמען מיט אייך דען איר זייט אאיד אלמדן אונ אגרויסער סוחר.

ניין מיינע טייערע לעזערין צוואר מערקע איך שוין אין פאראויס דיא פראגע וואס שוועבט אויף דיינע ליפען צו וואס האט זיך דיזער נטקע נאך גיאגט נאך דעם לידיגען אונ אייטעלען טיטול פעטער? דען וויא מיר בידע ווייסן האט מען אים דא גאר ניט גירעט קיין שידוך פיר זיינע טעכטער. דען זיינע בידע מיידכען וואס ער האט גיהאט וואהרען נאך דאן גאנץ יונג. בייא אלעם דעם וועל איך מיט מיינע אנטוואורט דארויף נאך צעגערין (שיהוית מאכין) ביז איך וועל מיך דא איין עטוואס בעשפרעכין איבער דעם יובעלין הענדלער אונ איבער זיינע שעכטעלע, דען זאנסט וועט דיר מיינע אנטוואורט אויף דיזע





פראגע וואס דוא ביזט אין בעגריף (בדעה) מיר צוא מאכין ניט גענייגענד זיין אונ פערשטענדליך בלייבין זעלבסט בייא מיינעם בעסטין ווילען עס צוא ערקלערין.

דיזער יובעלען הענדלער האט געהייסין קויפמאן אויס סקלאוו, ער וואר דאן נאך איין יונגער מאן פון עטליכע אונ צוואנציג יאר זייער רייך פון צוא הויז, דער צו איין שיינער יודע ספר, פון איינער געהייבענע פאמיליע, זייער שיין אונ זופער קלוג, איין קויפמאן פון הויט אונ קנאכין, אונ וואר דער בייא העכסט בעדוטזאם (אסטאראזנע) מיט זיינער שאכטעל בורלאנטין וואס האט בעטראפין מעהר אלס צוואנציג טויזענד טאלער אונ בייא אלעם וואר דיא שאכטעל זייער קליין איינע קנאפע האלב איל אין דער לייננגע אונ איינע פירטעל איל אין דער ברייטע, דען דיא אלע איידעלשטיינע ווארין נור נאקעטע (דאס הייסט ניט איינגעפאסטע) בורלאנטין, דימאנטען, רובינען פון פערשיידינע גרעסע, דאס עס ווארען אונטער זייא וויא גרויסע ערבישען אונ מאנכע נאך וויא גרויסע האזעשע ניסלאך, ווארען אין דער שאכטעל סארטירט אין בעזונדערע אבטיילונגען, וועדלינ נאך זייערע גיטע, אונ נאך זייערע גרעסע, ער פלעגט אום צופארין דעם מיט אויף גרויסע ירידין אונ איבער גרויסע הויפין. אונ גרויסע שטעט, דיזע שאכטעל האט ער אימער געהאלטען אין זיינער טאשע פון זיינעם זאק מאנטיל, אונ האט איר געהיט וויא זיין אויג אפעל, אונ וואו ער פלעגט נור נעכטיגען פלעגט ער איר לייגין בייא זיך צוא קאפין אדער אונטערין זייט אונ פלעגט לאזין ברענען אימער איינע גרויסע ליכט לעבין זיך, אונ וואו ער וואר נאר איין עטוואס אין צווייפעל איבער די זיכערהייט, האט ער נאך בעשטעלט דאס איינער פון דיא הויז בעדינטע זאל נאצעווען (וואכען אונ נאכטען) אין דעם צימער וואו ער שלאפט, אלזוי וואר שוין דעם נטקען גאנץ אונמעגליך אפצונאנבענען פון אים דיזע שעכטעל אויף דעם געוועהנליכין ארט אונ ווייזע (חאד), ניין האט ער בייא זיך געטראכט איך מוז עס ארויס בעקומען פון אים אלס איין געפעלינער גוטער פריינד, אלס איין העכסטער טרייער פערוואנדטער (קרוב), אונ גאנץ פובליצנע זעלבסט אין געגענווארט פון אלע דיזע אורחים, איך מוז מיך דא אין אבסניא מאכין געלטענד (זנאצען) אלס פעטער זיינער וואס ער (דער יונגער מאן) האט צוא אים (דאס הייסט צוא מיר) דעם גרעסטין צוטרויען, דאמיט דיא אורחים זאלין בלייבין רוהיג זעלבסט דאן אלס זייא וועלין זעהען וויא איך

וועל ארויס נעמען די שאכטעל פון זיין צוא קאפין פאר זיי אין די אויגין, אלס ווי זיין טרייסטער פריינד וואס וויל עס אין איינער בעסערין פערזיכערונג ברייננען ביז ער וועט זיך ערוואכען פון זיינעם הארטין שלאף.

נון מיינע טייערע לעזערין אלס איך האב דיך שוין אין ריינעם געדאכט געבראכט מיט דעם יובעלין העגדלער, אונ דער צוא נאך דיר גיגעבין דורך דעם איינע בעפריגענדע אנטוואורט אויף דיינע פאריגע פראגע קערע איך מיך אום צוא אונזערער ערציילונג.

אונ עס וואר אלס עס וואר שוין די צווייטע בוטעלע פארטער אויך אויס גילערט (אויס געליידיגט) אונ דער קויפמאן וואס האט דעם גרעסטין טהייל דער פון גענאסין וואר שוין ווי דער שפריכווארט זאגט, ניט אליין, ווי עס פאסירט מיט אלע יענע וואס זעהען דעם גלעזערנען גאט, האבין זיי זיך ביידע אומגיקערט אין דער אכסניא זייער פרייליך אונ העכסט פריינדליך, דאס זיצענד ביי דעם טיש האבין זיי זיך שפייענד מיט איינאנדער, אנגערופין איינער דעם אנדערין מיט די צערטליכע (הייסע) פאמיליען טיטולען. ער דער יונגער קויפמאן האט נטקען גערופען פעטער. אונ דער נטקע האט אים גערופען מיין קינד אונ דער צוא נאך זייער הויך דאס אלע זאלין העררין, ווי עס וואר שוין פארהער שוין אפגערעט צווישין זיי, עס וואר דאן אין שטוב זייער פיל אורחים, אלטע אונ פרישע אקערסט אנגעקומען באלד נאך אבענד ברויט וואר אויס געלערט אויך איינע בוטעלקע קאוונער ליפעץ, אלזוי קיין וואונדער דאס עס האט דעם יונגין מאן דער קאפ פערנומען דאס עס האט אים אנגעהייבין צוא שלעפערין פיל פריער אלס דעם נטקען אונ האט זיך אזוי באלד געלייגט צוא בעט אונ די שאכטעל ביי זיך צוא קאפין אונטער די אונטערסטע קישין צום וואנד ווי אלע מאל אונ האט גיבעטין פאר דעם שלאפין גיין דעם נטקען, דאס בעפאר ער (דער נטקע) וועט גיין צו בעט זאל ער בעשטעלען איינעם פון די הויז בעדינטע וואס זאל נאצעווען לעבין זיין בעטיל, ווייל ער זעלבסט קען עס איצונד נאך פון די דינערשאפט ניט פערלאנגען, דען עס איז נאך פריא דאס יעדער משרת איז נאך גאנץ פערנומען אונ בעשעפטיגט ארום די אורחים, זיי וועלין ערסט הלואי ליידיג ווערין אין אפאר שטונדין ארום, אונ ביז יענער צייט וועט נאך ער (דער נטקע) זיין וואך אום אכטונג צוא געבין, דאס עס זאל וועד ניט דאבווען, צוא





דער שאכטעלע. דען ער (דער יונגער קויפמאן) וואר העכסט פערדעכטיגט (פאדאזריטעלטע) אונ האט גיהאלטין יעדין אונבעקאנטין פאר איין בעטריגער פאר איין דיב, אונ עס וואר עס אים ווירקליך ניט צוא פערדיינקען, דען ער וואר שוין גענוג געלערנט דורך איינענע סבות, אונ דורך פרעמדע, דיזעס פערלאנג פון דעם נטקע וואר גישפראכין זייער לויט (הויך) דען ער (דער קויפמאן) וואר ווי מיר ווייסען שוין האלב בעזויפען אונ העכסט מונטער, אונ ווער נור איין עטוואס בעטרונקען איזט, דער שפריכט שוין הויך, אונ פלוידערט אויס זעלבסט דעם גרעסטין גיהיימנים ווי אונזערע חכמים זאגין, „נכנס יין יצא סוד“ אונ דיזעס וואר דעם נטקען ווי גירופין, דען קוים ווי דער יונגער קויפמאן איזט איינגעשלאפין, אונ דיזעס איזט גישעהען באלד ווי ער האט זיך גילייגט. האט ער אנגעהייבען זייער שטארק צוא שנארכען (חראפען) אונ איז גיווארין פערזונקען אין איינעם בלייערנעם שלאף, דאס ער וואלט פערהערט זעלבסט דעם שופר של משיח ווען ער וואלט דאן געבלאזין גיווארין.

קוים האט עס אונזער נטקע באמערקט, האט ער זיך אפגערופין צוא די אורחים אלע וואס ווארען דארט אלטע אונ פרישע וואס האבין גיהערט מיט זייערע אויערין ווי דער יונגער קויפמאן האט אים אלע ווייל גערופין פעטער, אונ ער אים מיין קינד, אונ האט אים גיבעטין צוא גלייך דאס ער זאל אויף פאסין די שאכטעלע זיינע ביז דער משרת וואס נאצעוועט לעבין אים וועט ווערין ליידיג פון די הייזליכע גישעפטין, האט ער זיך אפגערופין צו די אורחים, מיין פלעמעניק שלאפט איצונד זאלבע דריט דען ער האט צווייא פלאסען פארטער אויס גיטרונקען, דער צוא נאך איינע האלבע בוטעלע קאוונער ליפעץ, אונ דער משרת וואס נאצעוועט לעבין אים אלע נאכט איז אויך ניט דא. אונ מיך שלעפערט אויך, איז דאס גלייכסטע דאס איך זאל די שאכטעל ארויס נעמען פון זיין צוקאפין אונ עס האלטין ביי מיר דען איך בין העכסט צוטקע אין שלאף, אונ צווייטינס האב איך מיך אין דיזען אבענד ניט ניזעהען אזוי פיל מיט דעם גלעזערנעם נאט (דאס הייסט מיט דער גלעזיל משקה) ווי ער, אונ איר מיינע העררין, האט ער זיך ווייטער אפגערופין צוא די אורחים, האט אויף אים אונ אויף מיר קיין פערדרוס דאס מיר זיינען אזוי שטארק בעהוטזאם (אשטאראזנע) מיט דער שאכטעל פאר גנבה דא אין דיזער אכסניא מיינט ניט חלילה דאס איינער פון אייך איז

ביא אונז אין חשד צוא טאן אזוי אבלוטיגין שטרייך (שטוקי). גיין מיר טוען ביא אונזערע בעסטער מיינונג פון אייך אונ נור אויס געוויסע אורזאכע, ערשטינס ווייל ער (דער קויפמאן) האט שוין גינוג געליטין אין זיינעם לעבין פון טרוג אונ לוג אונ פון גנבות נון זאגט דער אלטער שפריכווארט ווער זיך אפגעבריט האט מיט הייסע פארפיל בלאזט שוין אויך אויף קאלטע פארפיל, אונ צווייטינס דארף יעדער קלוגער רייזענדער ניט ארויס פון דעם כלל וואס אונזערע חכמים זאגין כבדהו וחשדהו, דאס הייסט האלט יעדין מאן אין עהרען, דאך טרויע אים ניט גערען אונ צום ביא שפיל דערצו דארפין מיר נעמען דיא גרויסע פארזיכטיקייט פון איינער רעגירונג דאס זיא שטעלט אויס וואכען אונ זאנדארמעס זעלבסט ביא גרויסע בעלע אדער ביא גרויסע סאבראנעס פון דיא גרעסטע מאגנאטין אונ איידעל לייטע, אום איינצוהיטין פון סקאנדאלין (בעליידיגונגען) אונ דיבשטאלען (גנבות).

אונ אלס דיא אורחים האבין אים דער ביא געהערט גיגעבין, אונ האבין דיזע פארזיכטיקייט העכסט בעלויבט, האט ער גאנץ בעהוטזאם ארויס גינומען דיא שאכטעל פון זיינעם צוקאפין אונ האט עס אריין גערוקט אין דער טאשע פון זיינעם מאנטיל זאק זאגענדיג דער ביא, דאס זעלבע האט עס דאך גיקענט טאן איין אנדערער. צוואר ניט איצונד וואלט עס גישעהען שפעטער אלס אלע וואלטין שוין געשלאפין, אונ אזוי איינער שלייכט זיך שוין אריין דורך צעהען פערשלאסענע טירין, וויא עס פעלט אונז שוין ניט אן טוזינדער ביא שפילע, דאס עס האבין פילע אונשולדיגע דער פון געליטען. אונ איר רעט וויא איין חכם, האט זיך אפגערופין איינער פון דיא אורחים, הלואי וואלטין אלע אזוי גיוועזין בעהוטזאם וויא איהר, וואלט איך צוא קיין צרה גיקומען, דען איך האב פון אזוי אגעשיכטע, אונ צוא מיר נאך צעהען זייער שטארק געליטען פון אזוי אסלוציא, עס וואר געשטוילין ביא איין אורח וואס איז מיט מיר איינגעשטאנען אויף איין אכסניא צעהען טוזינד דוקאטין, האט מען אונזערע צעהען אורחים איינגיזעצט, זייער שטריינג עקזאמענירט, עס האט אונז געקאסט געלט, אונ געשטערט דער יריד, אונ וואר נאך צוא ליב דעם אויך בעשטוילען געווארען, אונ ווער ווייסט וויא מיר וואלטען אפגעשניטען דער פון ווען עס וואלט זיך אם ענדע ניט דער גיין, דאס דיזעם (דיא גנבה) וואר דיא ארבייט פון דעם בעל אכסניא'ס טאכטער, וואס זיא אונ ער וואהרען וויא דיא אנדערע צוויא, אונ פלעגט אים





צומאכין געכטליכע בעזוכע אין דונקעלען. נון וואר ער דאן אזויא בעזויפען וויא אמאל לויט. דאס ער האט ניט געוואוסט בשכבה ובקומה, דאס הייסט ניט פון איר קומען צוא אים, אונ ניט פון איר אוועק גיין פון אים, אונ דיזעס האט זיך דער גאנגען דורך איר ארויס ווייזען זיך מיט פיל געלט.

אונזערען נטקען וואר דיזען ערצייהלונג וויא גערופין, האט זיך געגלעט דיא בערדיל, האט פארייכערט אלולקע טאבאק, אונ איז אזויא אליין אומגעגאנגען איבערין שטוב הין אונ הער, הערענדיג אליין איינע ערציילונג נאך דיא אנדערע פון דיא אורחים, פון אזעלכע גנבות, ביז ער האט אויס גערייכערט אונ אויס געקלאפט דיא פייף, אונ האט דאן גיזאגט צוא דיא אורחים, איך בעט אייך, איך וויל אויף איינע האלבע שטונדע אריין גיין אנטקעגען, אום צוא בארעכענען מיך מיט דעם בעל אכסניא, דען מיר האבין בדעה אפ צוא פארין מארגין, בעט איך אייך פילייכט וועט זיך אויפהאפין דא מיין פלימעניק זאלט איר אים זאגין דאס דיא שאכטעל איז ביא מיר, אונ איז זיך ארויס גינאנגען אן אהיטעל. אונ האט זיך שוין פערגעסין אריין צוא קומען צוריק, דען עס האט שוין גיווארט אויף אים אפור אונ איז אוועק איבער אלע בערג. וואס דארט איז גישעהען, איז דיר מיינע לעזערין אזויא פיל צוא וויסין וויא מיר, עס האט פארגעווייס פארקלונגען דער מיט גאנץ לענצנע, מען האט זיך דער וואוסט אויף מארגין דאס דיזער פעטער וואר קיין אנדערער אלס נטקע גנב אונ דער מיט האט זיך דארט בעענדעט דאס טרויעריגע ליד. דען דאס זוכען אים אונ יאגין וואר פארלארענע מיהע.

אזעלכע שטרייכע (שטוקעס) האט דער נטקע געמאכט אין זיינעם לעבין פיל מער אלס איינע, אונ וואר על פי רוב גליקליך אין זיינע גנבות אונ בעטריגערייען, דאס עס איז על פי רוב איינגענאנגען ניט ערגריפען צוא ווערין, ער איז צוואר שוין מער אלס איין מאל גיזעסין ער האט אבער אימער געהאט גוטע גילעגענהייט צוא אנטלויפין, דיזעם אלעם צוא בעשרייבין וואלט דארפין פארנעמען גאנצע ביכער אונ דיזעס ערלויבט ניט דיא פרעסע. דען עס וואלט גיהען העכסט קאסט שפילג (טייער), אלזוי וועל איך דא נור איין עטוואס שרייבין פון דיינער גוטין זייטע (דאס הייסט פון זיינע מעלות) דען ער האט אויך וואס גוטעס אין זיך געהאט.

# ט.

## אין עטוואס פון זיינע גוטע זייטע.

דער פסוק זאגט אין (ירמיה י״ז) „עקב הלב מכל ואנש הוא מי יודענו“ דאס הייסט דאס מענשליכע הערץ איז העכסט פערקרימט אונ געפלאגט מיט אונזיטליכע קראנקהייטען. אזוי ווייט דאס נימאנד אויסער (ח״ו) גאט קען עס ערפארשין אונ ערגרינדען, זאגין דאריבער די גרעסטע פשיכעלאגין (דאס זיינען די חכמים וואס לערנען אונ פארשען די כוחות הנפשיות, די זעלען קרעפטע פון מענטשין וואס ווערט אנגערופין מיט דעם נאמען חכמת הנפש), אונ וואס שפאצירען אין די אלע קרימונגען פון זיין הערצין, עס איז דאס ניט נור אונמעגליך צו ערפארשין דאס הערץ איינעס אנדערין, ניין זעלבסט דאס אייגענע הערץ איז אויך אונמעגליך דעם מענטשין עס צוא ערגרינדען, ווייל דער מענטש וואס גייט נור אין זיך אליין (דאס הייסט וואס בעטראכטעט זיך זעלבסט וואס אונזערע מובאלישטין (מוכיחים) רופין אזויא איין מענטשין אן מיט דעם נאמען מרא דחושבנא*) ערשאפט זיין הערץ אלע טאג אויף גרויסע ווידער שפריכע (פערקערטהייטען) דאס הייסט דאס זיין הערץ איז העכסט פערענדערליך, אונ אזויא ווייט אונשטאנדהאפט אין זיינע מיינונגען אונ האנדלונגען (מעשים) דאס ער איז זייער אפט געגען אבענד גאנץ דער הפך אין דיזע ביידע זאכין (אין מחשבה אונ מעשה) פון דעם וואס ער וואר אין דיזע ביידע ענינים דעם מארגענס, וויא אונזערע חכמים זאגין (אין מדרש רבה. פרשה כ״ה) אויף דעם חנוך „פעם רשע ופעם צדיק“ אונ פשיטה שוין אזוי איינער פון אונזער גלייכין, אמאלע איז מען ארחמן, אמאלע איז מען איין אכזר, אמאלע איז מען איין עניו, אונ אמאלע איז מען איין בעל גאוה, אמאלע איז מען איין ירא אלקים, אונ אמאלע איז מען אמופקר, אמאלע איז מען אמאמין אין גאט אין זיינער השגחה. אונ אמאלע איז מען איין גאט לייקענער, נאך מער מען בעגעגנעט זיך זעלבסט

אויף

*) אונ דאס איז אויך דער סין פון דעם פסוק „למנות ימינו כן הודע ונביא לבב חכמה“ בעלעהרע אונז צוא קאנטראלירין די מעשים אונ די מחשבות וואס מיר טוען אונ האבין אין אלע אונזערע טעג אום מיר זאלין קלינגער ווערין דען די פסוקים זיינען געשריבין איטער בקיצור, אונ איז גלייך וויא עס וואלט געשטאנען „למנות מעשי ימינו“.





אויף נאך גרעסערע ווידער שפריכע (התנגדות) מיט זיך אליין, דאס מען טוט זייער אפט איין מצוה אדער איינע וואוילטהאט וואס איז פערבונדען מיט איינעם גרויסין פערברעכין, אונ מען טוט עס באמת לשם שמים נור אן אשום פניה ועגין גאוה אדער מענטשין פורכט מען טוט עס מיט איינעם קלארען בארעכענונג, מיט איינעם קלארין בעוואוסט זיין, אונ מען ווערט גאר ניט רויט *) אונ עס איז ווירקליך אזוי איינעם פיל מער צוא בעדויערין אלס צוא צירנען ווייל דעם מענטשינס הערץ איז שוין אזויא איין מאל געשאפען, וויא מען טייצט דעם פסוק „אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא“ דאס עס איז קיין צדיק דא אויף דער וועלט וואס זאל ניט זינדיגין זעלבסט ביי זיינעם טאן וואס גוטעס, דאס הייסט דאס די אידעשע מלכים האבין געהאט דאס רעכט צוא בעשטראפין גנבים אונ גזלנים מיט פיל שטרייניגערע משפטים אלס כפל אונ חמש, וויא עס איז ארוים צוא זעהען פון דעם דוד׳ס רייד צוא דעם נתן הנביא אלס ער האט אים דער צייהלט דאס איין רייכער מאן האט אוועק גערויבט ביי איינעם ארעמען זיין איינציגע שעפליין אום צוא שלאכטין איר פאר זיינעם אגאסט, דאס דער דוד האט געהייסין דיזען רייכין טייטען אונ זאל נאך דער צוא באצאלין פיהר שאפע פיר די איין שעפליין וויא דער פסוק זאגט „כי בן מות האיש העושה זאת ואת הכבשה ישלם ארבעתים“.

איך וואר אנגעהאלטין (געפרעגט געווארין) דאריבער פון איינעם טייצעשען פריידינגער וואס וואר איין גרוישער געלערטער אונ גוט בעוואנדערט (בעקאנט) אין דער אידעשע ליטעראטור (למודיות) אונ האט אלזוי דארום געוואלט בעהויפטען (מחליט זיין), דאס דיזער פעלער ליגט אין דעם אידעשען בלוט, דען עס איזט בעוויזען פון אלע פשיכעלאגיקער (דאס הייסט פון די חכמים וואס זיינען קלאר אין חכמת הנפש) דאס דיב שטעלעריא (גנבה) איז איינע איינגעבארענע נייגונג, אזוי ביי איינעם יחיד (איינצעלנפערזאן) אונ אזוי ביי איינער גאנצע נאציאן דען מען דער וויסט זייער אפט גרויסע געלערטע אונ העכסט רייכע לייט, אזויא מאנכע נאציאנען פעלקער וואס האבין אין זיך די גרעסטע טוגענדין (מעשים טובים ומדות טובות) אונ זיינען געניינט צום שטולין.

מיינע

*) ביי שפילען דער פון קענסט דוא שוין פון זיך זעלבסט געפינען סיינע טייערע לערין.

מייגע אנטווארט אבער וואס איך האב דיזען הערין גיגעבין וואר צוואר איינפאך אבער גאנץ וואר. איך ווערדע אייך ניט איינווענדען האב איך גיענטפערט דאס עס זיינען דא אזעלכע פערזאנען, אונ גאנצע נאציאנען וואס זיינען העכסט גענייגט צום דיבשטאל (גנבה) דאס הייסט זייא שטוילין (גאנבענען) ניט אום עס צוא האבין, דען עס טוען עס אזוי גאר מיליאנערין וואס זיינען נור בעהאפטעט (אן געשטעקט) מיט דיזער ליידענשאפט (תאוה), זייא שטוילען (גאנבענען) נור אום צוא שטוילען אונ ווייטער ניט, דאך מיר יודין זיינען עס דורך אוים ניט, דאס שטוילען (גאנבענען) איז קיינע ערב זינדע דאס הייסט קיינע זינדע וואס עס האבין אונז אונזערע עלטערין פערערבט. אין אונזערע אדערין פליסט איין ריינעס איידעלעס בלוט, וויא אונזער פראפעט (נביא) ירמיהו זאגט „ואנכי נטעתיך שורק כלו זרע אמת” איך האב דיך פאר פלאנצט אלס איינע עכטע וויין רעבע (וויין צווייג) פון עכטען קארען, אונ מיר זיינען אלזוי קיינע געבארענע דיבע, אונ אויך קיינע אנגעשטעקטע דיבע (דאס הייסט ניט זיך זאראזעט פון אנדערע פעלקער) דען וויא דיא וואהרהייט צוא זאגין זיינען מיר פון דיזער זינדע פיל ריינער אלס אלע אנדערע נאציאנען, עס געפינען זיך אידעשע דיבע נור אין דיא גרויסע שטעט, אונ אויך גאנץ וויינינ, אונ דיזע ווינציגע טוען עס מער אוים נויט, אדער אוים איינער שלעכטע ערציהונג, איך בין אוים ליטא אונ קען אייך געוויסענהאפט פערזיכערין דאס אויסער (חוץ) ווילנא אונ מינסק ווייס מען ניט פון קיין אידעשין דיב, אונ ניט פארגעסט דאס דער גרעסטער טהייל פון דיא דארטיגע בעפעלקערונג אין דיא שטעט זיינען נור יודין, אונ וואס זייא מאכען אונז צום פארווארף (אוים ריד) פון אונזער תלמוד לאזט זיך עס אויך זייער לייכט פערענטפערין ווייל דארט אין אריענט (ארץ הקדם) האבין דיא יודען געהאט פיל מער געלעגענהייט צוא שטוילען (גאנבענען) אלס אנדערע פעלקער ווייל זייא אליין וואהרען דארט דאן האנדעלענדע קלאסע, דיא אנדערע נאציאנען וואהרען נור עובדי אדמה אדער האנדווערקער, אונ דאס געשטעהע איך אייך דאס ער זאל טאן אמצוה גאנץ רונה וויא אפגעמאכט אן אשום פניה, אן אשום זינדע דער בייא, למשל דאס ער זאל געבין צדקה נור מיט איינעם כשרען גראשען דאס ער זאל ניט זיין קיין אנגעצער, אדער עס ניט פערדינען



מיט



מיט טרונ אונ מיט לונ אונ דאס גלייכין, וויא דער נביא זאגט „וכבגד עידים כל צדקותינו” אלע אונזערע טוגענדין (מעשים טובים) וויא איין לומפיגעס (טראנטעוואטעס) קלייד.

נון וואס זאלין מיר שוין ריידין פון אזוי איינע פערזאן וויא עס וואר אונזער העלד פון אונזער געשיכטע, דער נטקע, דאס ער האט קיין אויסנאהמע נימאכט פון אונזערע איצטיגע בעמערקונג, אונ עס איז אלזוי קיין וואונדער דאס מען האט אים ערטאפט אויף דיא זעלביגע אירוועגין (פערבלאנדזעטע שטעסקעס) וואס מיר טרעפין אן מאנכעם פריידען מיידכען אדער פראסט געזאגט מאנכע אשה זונה וואס קויפט פאר איר שאנדע געלד לאבונג פאר ארעמע קראנקע, וואס איז מרומז אין דער תורה אונזערע מיט דיא ווערטער „לא תביא אתנן זונה בית ה׳” עס זאל קיין הורען נאבע געבראכט ווערין אין גאטעס הויז, דיזער נטקע וואר איין למדן איין אוהב תורה, פלעגט מאנכע ווינטער נעכט זיצען אונ לערנען, ער האט גיהאט צווייא איידעמס שיינע יונגע לייט וואס זיינען גיזעסין אונ גילערנט, האט איינגעגעבין איינינע ספרי תורות, כמה שס׳ען, אונ האט געשפילט אין ווידז דיא ראלע פון אשיינעם בעל הבית, מיט נדבות מיט ארעמע בחורים ביי זיינעם טיש, האט געטאן גוטעס מיט קרובים, ער וואר איין גוטער מליץ אונ איין פרקליט ביי דיא דאמאליגע נאצייאלסטווא פאר זיינע שטאט לייט, דען ער האט גערעט זייער גוט פויליש, אונ האט זיך מיט זייא זייער גוט געקאנט, נאך מער ער האט געפונען אמאל אבייטעל מיט דוקאטען אונ האט עס אפגעגעבין דעם וואס האט עס פערלארין אונ האט מאנכע מאל געהייסין אפשטעקען מאנכע גנבות גאר אומזיסט, ער וואר איין העכסט גוטער מאן צוא זיינער פרויא, איין צערטליכער פאטער צוא זיינע קינדער, האט געשטיצט זיינע ארעמע העלפעם העלפער אויף זייער עלטער, מען האט אים זעלבסט אמאל בעגאנבעט, אונ ער איז דערגאנגען ווער דער גנב איז, אונ האט אים געקאנט מאכין העכסט אומגליקליך, ער האט עס אבער ניט גיטאן האט אפגענומען קוים דיא העלפט דער פון אונ האט אים פערצייעט.

קורץ גיזאגט דיזער מענטש האט אין זיך גיהאט פילע גוטע זייטען, אונ האט גיקענט זיין ביי גוטע ערציהונג איין טיכטיגער מענטש, איין גרויסער מאן אזוי גאר, אלזוי איינע גרויסע ווארונג פאר עלטערין וויא



מען

מען דארף השגחה געבן אויף קינדער, און ווי מען דארף זיך היטין צו טאן וואס אומרעכט, און אומפאסענדעס פאר קינדער אין די אויגן. און ווען מיר ריידין שוין איין מאל דאריבער, קען איך מיך שוין ניט ענטהאלטען פון צוא דערציילין דא איין עטוואס פון דעם דיספוט וואס איך האב גיהאט אמאל אין פרייסין מיט איינעם קריסטליכין טעהאלאגען (למדן) וואס וואר זייער שטארק בעוואנדערט אין די אידישע ליטעראטור (למודיות) ער וואר איין גרויסער בעל תנ״ך און אגרויסער תלמודיסט, קורץ גיזאגט ער וואר קלאר אין גאנץ ש״ס, ער האט גיהייסין מאיר עבענטורא און וואר דער צוא נאך איין גרויסער גילערנטער און דער צוא נאך איין גרויסער יודין פיינד, דיזער גרויסער מאן האט מיר אונטער פילע אנדערע פארווירפע (טאדלונגען) וואס ער האט פארגעווארפין אונזער נאציאן און וואס ניט דא איז דער ארט דער פון צושפרעכין האט ער מיר פארגעווארפין דאס די יודין זיינען פון אימער ערגעבין דעם דיבשטאל (דאס הייסט האבין איינע גרויסע ניינונג צו גאנבענען), און האט מיר דער ביי אויף גיציילט פילע פאקטען (אקצעס) פון דער אלטע געשיכטע און פון דער נייע געשיכטע דאריבער, דאס הייסט דאס יודין האבין בעשטוילין קירכין און טעמפלען, און עס ווארין דארום פילע אויפגעקניפט (גיהאנגען גיווארין) נאך מער האט ער מיר גיזאגט אייער תלמוד (גמרא) זעלבסט זאגט אין עירובין רוב גנבי ישראל דאס הייסט דאס רוב גנבים זיינען נור יודין, און אין דער מסכתא בבא מציעא קומט פאר דאס אין די צייטין פון די רעמער (רומים) ווארין שוין אזוי פיל דיבע אונטער די יודין, דאס די רעגירונג וואר שוין געצוואונגען צו נייטיגען דעם גרעסטין ראבינער אייערין דעם ר׳ אליעזר ר׳ שמעון בן יוחאי׳ס זון דאס ער זעלבסט זאל ווערין איין פיסקאל איבער די דיבע, דאס ער זעלבסט זאל זייא אויפפאסען, און לאזען זייא אויפקניפען, אלזוי ליגט עס שוין אין אייער בלוט אלס איינע איינגעבארענע ניינונג דער צו דען זאנסט וואלט איר דיזין פעלער אין זיך ניט גיהאט, דען איר זייט דאך פון עהער אן איינע דיינקענדע נאציאן מיט מאנכע נוטע זיטען, מען קען עס אייך ניט אפשפרעכין, און נאך מער דאס זעלביגע מיינונג האבין אייערע חכמים גיהאט אויך פון אייערע ווייבער דאס הייסט דאס זייא אויך האבין דיזען פעלער, דאס זייא זיינען אויך גינייגט צום דיבשטאהל (גנבות) דען זייא זאגין אין מדרש רבה פרשת בראשית י״ח דאס גאט האט ניט בעשאפין די ערשטע פרויא חוה פון





אדם׳ס האנד דאמיט זיא זאל קיינע דיבין זיין קיינע גאנעבטע, און ביי אלעם דעם איז זיא עס דאך *).

«און ביי אלעם דעם מיין הערר» האב איך אים גיענטפערט, זיינען מיר קיינע גיבארענע דיבע (גנבים) מיר זיינען עס נימאלס גיווען. און זיינען עס איצונד אויך ניט, גראדע נאך אומגיקערט מיר קענין זאגין מיט שטאלץ דאס מיר זיינען פון דיזעם פערברעכין פרייא, נור מיט קליינע אויס נאמע, און די איינינע דיבע וואס גיפינען זיך אונטער אונז אין מאנכע גרויסע מקומות זיינען עס ניט אויס הוילער נייגונג (טריב) צו גנבות, גיין זייא זיינען עס נור אויס נויט אדער אויס שלעכטע ערציהונג, אדער אויס שלעכטע אומגאנג מיט פערדארבענע מענטשין, איך בין מיין הערר אויס ליטא, וואס די בעפעלקערונג פון אלע שטעט דארטיגע זיינען דאס גרעסטע טייל נור יודען, און ביי אלעם דעם ווייסען מיר ניט פון איינעם אידעשין דיב צו זאגין נור אין די צווייא גרויסע שטעט ווילנא און מינסק. און אויך זיינען נאך דעם ערך פון די בעפעלקערונג פיל מער דיבע פון אנדערע פעלקער אלס אידישע, און אין אלגעמיינען (בדרך כלל גיזאגט) לעזען זייא נור די שטאטישטעשע בלעטער פון גאנץ עראפא וועלין זייא שוין זעלבסט מודה זיין דאס די צאהל פון אידעשע דיבע איז אין קיין פערגלייך פיל קלענער לפי הערך (פערהעלטניס מעסיג) דער דיבע פון אנדערע נאציאנען, נון ווייטער וואס אנבעטרעפט (נוגע) צוא די פאקטען וואס גיפינען זיך וועגין אידעשע דיבע אין דער אלטער גישיכטע, האבין מיר אידען דאס פולע רעכט צו לייקענען עס און האלטין עס נור פאר הוילע ערדיכטונגען (אויסטראכטונגען), דען ווען מען האט זיך דאן ערלויבט אונז צו מארדען צו רויבען צו העצען ווי איין ווילדעס טיהר פון איינעם לאנדע אין דאס אנדערע, און צו ברענען אונז אויף שייטער הויפען, נור אויס גלויבענס וואוידט (שנאת הדת), ווארען זייערע שרייבער שוין פייהיג (שפאסאבנע) צו שרייבען וואס זייא ווילין איבער די יודען, דען איין היציגער פאנאטיקער האט קיין גיוויסען, און געשווייגע (פשיטא) שוין געגין איינעם יודען, און מיט רעכט קענען מיר איבער אזעלכע היסטארישע פאקטען (אקצעס) איבער די אידעשע גנבות לייענען דעם פסוק «אשר פיהם דבר שוא



*) ותפרעו כל עצתי, לא בראתי אותה מן היד שלא תהא ממשמשנית, והרי היא ממשמשנית שנאמר ותגנוב רחל את התרפים. (סדר בראשית פרשה י״ח)

וימינם ימין שקר" דאס הייסט וואס זיא ריידין מיט זייער מונד איז נור פאלש און וואס זיא שרייבען מיט איהר רעכטע האנד איז ליגען, און אין דער גאנץ נייע געשיכטע וואס איז געשריבין נאך דעם וויא עס האט שוין אויף געהערט דער יודען האס, און דיא רעליגיאנס פערפאלגונגען (רדיפות) איז לויב גאט קיין זילבע דער פון דער מאנט, און ווען פילייכט עפעס יא זיינד מיר יודען אויך מער ניט וויא מענטשין און קיינע איינגעל.

נון ווייטער מיין הער וואס זיא בעציהען זיך אויף אונזערעם אייגענעם תלמוד דאס אונזערע חכמים זעלבסט זאגין אויף אונז רוב גנבי ישראל, איזט אויך גאר קיין בעווייזע דאס אונזער נאציאן האט איינע נייגונג צום דיבשטאהל. ביין דיא אורזאך פון זייער זאגין עס דאן וואר נור ווייל דיא יודען וואַרען דאן דורך אוים אליין דיא הענדלער, און די אנדערע נאציאנען וואַרען עובדי אדמה, און וואס איז נאך אזוי נאהענט פון גנבה וויא דער סאחאר, אלזוי וואַרען צו יענער צייט דער גרעסטער טהייל פון גנבים נור יודען. און דאס איז נור וויא דער אלטער שפריכווארט זאגט געלעגענהייטען מאכין דיבע, און וואס נאך אין דער וועלט ניט בעסערע געלעגענהייט צו אלער האנט סעלמאווסטע, צו טרוג און לוג צו דיבשטוויעלעריי וויא האנדעל. וויא דער פסוק זאגט אין יחזקאל איבער דיא שטאט "צור" "ברוב רכולתך מלו תוכך חמס ותחטא" דען צור וואר דאן אין דיא צייטען פון יחזקאל דיא נעהעמסטע האנדעל מדינה, דער בן סירא זאגט "כיתד בין אבן לאבן כן הרמיה בין המוכר לקונה" וויא איין נאגעל האלט זיך נור צווישען איין ציגעל און דעם אנדערין אזוי האלט זיך דער בעטרוג נור צווישען דעם קויפער און דעם פארקויפער, די אנגענעם פלעגט צו זאגין דאס אלע ידידין זיינען נור די פלעצע וואס אלע מענטשין קומען צו זאמען אום צו בעטריגען זיך איינאנדער, ביא דיא אלטע גריכען וואר מערקור דער גאט פון דיא קויפלייטע און פון דיא דיבע (גנבים), איצונד אבער האנדלען שוין אלע פעלקער, און דער צו איז שוין דער האנדעל ראיעלער אפילע מער וויא געוועזן, זיינען מיר יודען שוין ניט דער רוב גנבים.

דער מאיר עבענטורע האט מיר וואַרעם געדריקט די האנד און האט אויף מיר געלייענט דעם פסוק "כל כלי יוצר עליך לא יצלח" דאס הייסט עס איז אונמעגליך אייך יודען מנצח צו זיין אין קיין דיספוט, און איז מיר געבליבין איבער דיא גאנצע צייט פון מיינעם פערבלייבין דארט אין זיינער נעהע, נון מיינע לעזערין צוריק צו אונזער ערציילונג, צו איהרער ענדע.





## י.

## "דיא לעצטע יאהרין זיינע"

איינינע יאר פאר זיינעם טויט וואר ער ערטאפט ביא איינער קירכען רויב, דאס הייסט אלס ער האט בעשטוילען איינעם רייכען קלויסטער, און וואר פערארורטהיילט (פאר משפט) צום הייננען, און וואר גירעטעט דורך איין וואונדער, דען מיט אטאג פריער וואַרען גרויסע אונרוהען אין שטאט דורך דעם איבער פאל פון דיא שוויידען איבער איר. עס זיינען צו לאפען דיא איינוואוינער און אויך דיא ראסטאנטען וואס אונטער זייא וואר אויך אונזער נטע. און דיזעס האט אים אזוי ווייט ערשיטערט און גימאכט אויף אים אזוי איין איינדרוק דאס ער האט שוין אויף זיך גינומען, צו ווערין איין ערליכער מאן. און איז עס גיוואַרין לסוף ימיו גאנצע זעקס יאר איז ער נאך דעם גיזעסין און גילערינט אין אקליין שטעטיל אויף איינענע קאסטען, און אלס עס איז גיוואַרין אין לאנדע גרויסע אומענדערונג אין דיא רעגירונג און ער האט שוין אלזוי קיין פחד גיהאט אומצוקערין זיך קיין ווידז, איז ער גיקומען צוריק אהין, און האט דארט ביא זיינע קינדער פערלעבט זיין לעצטין יאר אין גרויסע געוויסענס פלאגין (חרטה), און איז גישטארבין אויף זיין בעט, זיינער אנ'איידעם אלמדן האט אים מספיד גיוועזן, האט גיהאט נאך צו זאגין אויף אים מאנכע מדות טובות, און האט אוים גילאזין דעם הספד מיט דיזע ווערטער, אונזערע חכמים האבין גיוואלט מעביר זיין דעם ספר קהלת ווייל עס גיפינען זיך אין אים אזעלכע רייד וואס זיינען געגין דיא תורה, זייא האבין אים אם ענדע דאך פערהייליגט ווייל זיין אנפאנג איז דברי תורה, און זיין ענדע איז דברי תורה, אזו איז דער פאל מיט מיינעם שווער אויך, מיר דארפין אים נוהג כבוד זיין און בעוויינען ווייל ער האט אין זיינער יוגענד עוסק בתורה געוועזן און אזו אויך בסוף ימיו עוסק בתורה געוועזן *).

*) עס ווערט דער ציילט פון דעם גרויסען גאון ר' רפאל אלס ער איז גיוואַרן רב אין האמבורג, איז אים אין אנפאנג דיא דארטינע אידעשע געמיינדע העכסט נעפעלין געוואַרין, דען אין דעם ערשטין מאנאט וואס ער איז אהין אנגעקומען האט ער גיהאט איינע גילעגענהייט צוא זיין אויף איין ברית, און דער נאך ביא איינער קבורה, און ביידע זיינען דארט צוזאמענגעקומען זייער אידעשאך מיט דעם גרעסטין הדור אין דער וועלט, און נאכהער אלס ער האט גיזעהען דאס מען ריינערט ציגארין אום שבת, און מען האלט אפין דיא קראמען אום

(מסורת היא בידינו) איינע אלטע דונקעלע זאגע איז, דאס עס וואר
אגרויסע מחלוקת אויף דעם בית עולם וואו מען זאל אים לייגען, אטייל
האבין גיוואלט דאס מען זאל אים מקבר זיין אונטערין פארקאן, אונ אטייל
האבין גיוואלט דאס מען זאל אים געבין אשיינעם מקום קבורה, דען ער
האט גיהאט אגרויסין צד דארט, דען עס ווארען דארט אין יענער צייט,
וויא מיר האבין שוין פריער געשריבען, פילע וואס ווארען ניט בעסער
פאר אים, אם ענדע האט דער צווייטער צד מנצח געווען, מען האט אים
מקבר גיוועזן אויף איין שיינעם ארט, אונ דאך לעבין אזוי איינעם וואס
וואר זיין גלייכין, כל זמן זיינע קינדער האבין גילעבט האט מען גילאזט
שטיין זיין מצבה, נאכהער האט מען איר אראפ גינאנבעט, אונ נימאנד
וייס וואו זיין קבר איזט:

---

שבת, האט ער זייא גיזאגט אום שבת תשובה אין אדרשה, איך האב
דערוויסט ביא איך צווייא מצות וואס גייען צוא גאנץ אירעשלאך דיא מילה
אונ דיא קבורה, נון וואלט עס גוט גיוועזן דאס דיזע ביידע מצות וואלט גישעהען
ביא איך גלייך איינע נאך דיא אנדערע, דאס הייסט דיא קבורה באלד נאך
דער מילה, דאס איר זאלט קיין צייט האבין מחלל שבת צוא זיין, דאס
זעלבע וואלט איך אונזער העלד פון אונזער געשיכטע אויך געוואונשען.